STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05547

IBERGANG

Permanent preservation of this book was made possible
by Janis & Stuart Simon
in memory of
Alex & Anna Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריינפיר

אונדזער היי־יאָריקע גראַדואירונג איז בלי שום ספק אַן אויסערגעוויינטלעכע איז דער געשיכטע פון אונדזער שול באַוועגונג. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר פייערן אַ גראַדואיר יום טוב· ווען אונדזערע ברידער, אונדזערע פאָטערס זיינען אויף די שלאַכטפעלדער פאַרטיידיקנדיק אונדזער פרייהייט, אונדזער דעמאָקראַטיע, אונדזערע לעבנס זעלבסט. די וועלט מלחמה, דער בלוטיקער געראנגל צווישן אידייען און לעבנס פילאָזאָפיעס בושעוועט אַרום אונדז פיזיש און איבערהויפּט פּסיכיש. די מלחמה האָט געשאַפן נישט נאָר אַן אַנדערן געמיטס צושטאַנד ביי אונדז. נאָר זי האָט אויך געשאַפן אַן אַנדערן גייסטיקן קלימאַט אין דער שול, אין קלאַס צימער, דורך אַלערליי אומזיכטבאַרע פעדים האָבן די עכאָס פון באָמבעס אויפן רוסישן פראָנט, דער רויך פון ברענענדיקע שיפן אויפן פּאַסיפישן ים, דער געוויין און פיין פון די אומגעקומענע אויף דער "שטורמאַ", דער געשריי און ליידן פון די פאַרפייניקטע אין קאָנצענטראַציע לאַגערן פון יידישע, פּוילישע, בעלגישע, גריכישע, האָלענדישע און אַנדערע מאַרטירער און קדושים, די אַלע קולות און אָפּקלאַנגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין קלאַס צימער און באַווירקט דעם געמיטס־צושטאַנד פון די תלמידים און געשאַפן אַן איינגאַרטיקן, קאָמפּליצירטן און ווידעראַנאַנדיקן גייסטיקן קלימאַט.

די אַלטע יידישע געשיכטע האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון די ווייגעשרייען פון היינטיקע גולים, פּליטים און פאַרוואָגלטע, היימלאָזע בלאָנדזשער אויף אַלע אייראָפּייאישע וועגן און שאָסייען. די אַלטע געשיכטע האָט איינגעזאַפּט דעם פּאַטאָס פון היינט־צייטיקע פּאַסירונגען און האָט אַ אַנדערן אינהאַלט און אַ אַנדערן באַטייט באַקומען, די סטודענטן אין די קלאַסן ראַנגלענדיק זיך צווישן יאוש און האָפנונג, מיטלייד און יונגע לעבנס לוסט, צער און פּיין פאַר די ליידנדיקע און ווידער ווילן און פּראָטעסט קעגן דעם עלטערן דור, וואָס האָט פאַר זיי אַזאַ בלוטיקע סעודה געגרייט, האָבן אויפגענומען אונדזער תורה מיט

א געמיש פון גלויבן און צווייפל, מיט ליבע און מיט א ווילן זיך צו באפרייען פון דער יידישער גורלדיקער ירושה. די פראגן: וואס איז א ייד, וואס איז יידישקייט, וואס איז אונדזער צוקונפט איז אלע מאל ארויפגעשוואומען ווען מיר האבן באהאנדלט די שפאנישע עפאכע, דעם תלמוד, די משיחישע עפיזאדן, די חסידישע באוועגונג אדער די השכלה און די עמאנציפאציע. אין יעדער געשיכטלעכער עפאכע האבן די סטודענטן אריינגעבראכט זייערע ספיקות, זייערע קשיות און דעם געמיטס צושטאנד, און גייסטיקן קלימאט פון די היינטיקע עפאקא־ליפטישע געשעענישן.

די זעלבע סתירות, פראגן, דורשט נאך וויסן און קלארקייט, האבן די סטודענטן אריינגעבראכט אין יעדן געגנשטאנד, צי דאס איז געווען ליטעראטור, פאליטישע עקאנאמיע, תנך פארשונג אדער אין היינט־צייטיקע פראבלעמען. זעלטן ווען, האט א ריין אקאדעמישע אטמאספערע איינגעהילט און פאראייניקט סטודענטן, לערער און קעגנשטאנד. עס איז געווען כמעט אוממעגלעך ריין אביעקטיוו באהאנדלען וועלכע ס'איז פראבלעם אין וועלכע יידן זיינען געווען פארמישט. בלוט בילבולים, אינקוויזיציע, קרייץ צוגן, די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג, די רעפארמאציע, דער וואוקס פון דער וויסנשאפט. אלע די געשעענישן זיינען באטראכט געווארן אין דעם ליכט פונם איצטיקן קאמף פון די דעמאקראטישע לענדער קעגן די נאצישע בארבארן פון מערב און מזרח.

די שטימונגען און געמיטסצושטאנדן האבן געהאט א גרויסן חלק אין דעם אויסוואל פון סימפאזיום איבער דער טעמע "דער בייטראג פון יידן צו דער מענטשלעכער ציוויליזאציע." עס איז נישט קיין אפאלאגעטיק, פאר יידישן קיום, אדער א פאספארט פאר טאלעראנץ. עס איז געווען ביי די סטודענטן א זוכן פון אייגנארטיקייט, אנדערשקייט, און אפשר געשיכטלעכע סינטעזן צווישן ייד און מענטש. דער סימפאזיום איז אינגאנצן די ארבעט פון די סטודענטן אליין. איך האב זיך ניט אריינגעמישט נישט אין די אידייען, וואס זיי האבן ארויסגעבראכט, און נישט אין די שלוסן צו וועלכע זיי זיינען געקומען. אויך דער וועג פון זוכן, פארשן, צוזאמענשטעלן איז געווען זייערער. די וואס האבן געוואלט פארטיפן זייער וועג האבן עס געקאנט טאן. די וואס זיינען שנעל מיד געווארן האבן זיך גלייך געזעצט אפרוען, און ווייטער נישט געגאנגען. דער סימפאזיום האט די סטודענטן אויסגעלערנט זוכן, און עס האט זיי אויך געגעבן א געוויסן שטאלץ מיט

יידישע דערגרייכונגען, יידישע שאפונגס ענערגיע, און איבערהויפט גלויבן אין דער יידישער צוקונפט.

דער סימפאזיום איז בלויז א קלענער טייל פון דער דערציאונגס ארבעט, וואס מיר האבן דורכגעפירט אין דער מיטל שול. מענטשלעכע קאמפן פאר סאציאלע גערעכטיקייט, עקאנאמישע קאמפן פאר מענטשלעכער זיכערקייט האבן געהאלפן אונדזערע סטודענטן פארמירן א בליק, א וועלטאנשויאונג וועגן א לעבן אין דער צוקונפט. נאך דעם ווי די מלחמה וועט געוואונען ווערן.

מיט א געפיל פון פרייד, וואס מיר האבן צוגעגרייט עטלעכע בחורים און מיידלעך בעסער און טיפער צו פארשטיין די פראצעסן און קאמפן פון לעבן גראדואירן מיר זיי פון דער מיטלשול. מיר באגלייטן זיי אבער אויך מיט א געפיל פון טרויער. זיי זיינען שוין דערוואקסן, זיי דארפן שוין אפשר נישט אונדזער ווארימען בליק אונדזער ציטער, טאמער וועלן זיי פארבלאנדזשן. ווי גוטע מאמעס פרייען מיר זיך מיט זייער דערוואקסנקייט און זעלבסטשטענדיקייט. מיר זיינען שטאלץ מיט זיי. ספעציעל איז דער ארבעטער רינג שטאלץ מיט די גראדואנטן. מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלן בלייבן שטאלצע יידן און גוטע סאציאליסטן. מוטיקע בראווע קעמפער פאר א נייער וועלט פון יושר, גליק און שטאלץ מענטשלעך לעבן.

מיט גרעסערער פרייד נעמען מיר אויף די דערהייבונג פון די עלעמענטאר שול גראדואנטן צו א ניי לעבן און לערנען אין דער מיטל שול. אויך זיי האט די היינטיקע צייט מיט איר שרעקלעכן געראנגל מער געשליפן, מער געפיילט און זיי פארטיפט. זיי וועלן מיט מער דורשט טרינקען די תורה, וואס וועט זיי העלפן זיך אריענטירן און נאך מלחמה פראגן און פראבלעמען. א היבשע עשירות האבן זיי שוין אנגעזאמלט אין אונדזער ארבעטער רינג שול. דעם גרויסן אוצר וועלן זיי ערשט געפינען.

מיר לעבן אין אן ערנסטער צייט, אין אן איבערגאנגס צייט. אלע אונדזערע טייערסטע און הייליקסטע ווערטן הענגען אף דער וואגשאל. מיר האפן, אז אונדזערע קינדער, און די קינדער פון דער וועלט בכלל, וועלן איינזאפן וואס ווייניקער שנאה פון אט דער איבערגאנגס צייט. זיי וועלן ארייננוואקסן אין א וועלט פון שלום, זיכערקייט, און שאפונגס ענערגיע. מיר וועלן זיי העלפן באוואפנען מיט פאטאס פאר סאציאלן יושר, מיט אן אומרואיקן גייסט צו זוכן און פארשן, כדי מיט וויסן

און ליבע צו בויען א נייע וועלט. זאָלן זיי זיין פּיאָנערן פאר א נייע וועלט פון פעלקער ליבע, קולטור אויפבוי און פרייד. זאָלן זיי פארגעסן דעם פּיין און צער פון דער איבערגאנגס צייט.

זייט געגריסט תלמידים און תלמידות פון מיטל שול און עלע־מענטאר שולן. מיט פרייד און ליבע וועט אייך אונדזער אויג באגלייטן אף אלע וועגן פון זוכן, שטרויכלען און געפינען. אונדזערע הארציקס־טע וואונטשן באגלייטן אייך צו אייער גראדואירונג און אויך ווייטער און ווייטער אף די פארפּלאָנטערטע וועגן פון לעבן.

זייט הארציק געגריסט יונגע און יינגערע חברים און חברות.

אייער,

ב. גראָבארד

א וואָרט פון פּאָרזיצער

ליבע גראַדואַנטן פון דער מיטל שול און די עלעמענטאַר שולן.

איר וועט אפשר קיינמאָל נישט פילן און פאַרשטיין די גרויסע פרייד וואָס איך פיל צו אייער גראַדואירונג—אונדזער אַלעמענס גרויסער יום טוב. קעמפנדיק שוין עטלעכע צוואַנציק יאָר פאַר דעם וואוקס און זיכערקייט פון דער ארבעטער רינג שול ווייס איך ווי שווער און פיינפול דער וועג איז אָפט געווען. וויפיל אַנטוישונגען וויפיל שטרויכלונגען האָבן מיר געדאַרפט בייקומען, כדי צו ווייזן יידישע טאַטעס און מאַמעס די וויכטיקייט פון א מאָדערנע פּראָגרעסיווע יידישע דערציאונג.

א לאַנגער, שווערער וועג האָט אונדז געפירט איבער די ווילדע וועגן פון יידישן לעבן ביז מיר האָבן געוואונען אונדזערע פּאָזיציעס אין ארבעטער רינג, און אין דער יידישער גאַס בכלל. מיר האָבן געזיגט. דער פאַקט, וואָס מיר פייערן איצט אין מיטן פון דער גרעסטער מלחמה אין דער געשיכטע א גראַדואיר יום טוב ווייזט ווי מיר האָבן זיך איינגעבירגערט אין יידישן לעבן. מען דאַרף אונדז. מיר ברענגען פרייד און וואַרימקייט אין יידישע הייזער. מיר ברענגען אויפקלערונג, גלויבן און מוט אין יידישע פאַמיליעס. וועט נאָך אַזוי ווי היינט דאַרף מען אונדזערע שולן-לייכט טורעמס אין אונדזער קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

דערפאַר פרייט מיך אייער גראַדואירונג. עס גיט מיר מוט און גלויבן ווייטער צו קעמפן און ארבעטן צו זיכערן די עקזיסטענץ פון די עקזיסטירנדע שולן און ארבעטן צו עפענען נייע שולן. דאָס יידישע וואָרט מוז פאַרשפּרייט ווערן צווישן יידישע מאַסן. מיר מוזן בויען שטאַרקע פעסטונגען פאַרן אויפהאַלט פון אונדזער קולטור און לעבנס שטייגער. ווער ווייס, וואָס פאַר א גרויסע ראָליע אונדזער שול באַוועגונג וועט דאַרפן פאַרנעמען אין דעם איבערבוי פון דער וועלט נאָך דער מלחמה.

א גרויסער יום טוב, א גרויסע פרייד איז פאַר מיר אייער גראַ־דואירונג, קינדער.

נעמט צו מיינע האַרציקסטע ברכות און מיינע וואַרימסטע גליק וואונטשן און אויך די ברכות פון אַלע מיינע חברים שול טוער. א האַרציקן גליק וואונטש צו אייערע טאַטעס, מאַמעס און לערער, און אַלע וואָס העלפן אונדז אויפהאַלטן אונדזערע בילדונגס אינסטיטו־ציעס.

זייט געגריסט ליבע קינדער צו אייער גרויסן יום טוב.

אייער, נ. פ י י ג י ן

פאָרזיצער צענטראַלע שול פאַרוואַלטונג.

מיטל שול גראַדואַנטן מיט די לערער

ערשטע רייע, רעכטס צו לינקס: א. פּראַוואַטינער, לערער; ה. קאַפּלאַן, לערער; ב. גראַבאַרד, דירעקטאָר; נ. פייגין, פאַרזיצער צענ. שול פאַרוואַלטונג; ל. לאַסאַווין, לערער און מ. קאַרסאַן, לערער.
צווייטע רייע: פייגל דיימאָנד, שמאי מאַרקוס, לאה פּערלמאַן, מרים ווילקס, רייזל שולמאַן, ישראל קאַרסאַן און בעסי פייבער.
דריטע רייע: משה אייזיק ווישנער, דוואָשע ליבין, חיים בערקאָוויטש, חנה שאַיער און חנא פּאָסטל. עס פעלט מאניש קאָהן.

מיטל-שול

ב. גראַבארד, דירעקטאָר

ישראל קארסן

דער איינפלוס פון דער ביבל אויף דער מענטשלאַכער ציוויליזאציע

ווען מיר ווילן ריכטיק פארשטיין די ביבל, אדער ווי מיר יידן רופן עס—דער תנך, מוזן מיר זי באטראכטן ניט בלויז אלס א רעליגיעז ווערק, וואס איז געשריבן געווארן צו פרעדיקן א געוויסע רעליגיעזע לערע, נאר ווי אויף דעם גרעסטן קולטור אוצר, וואס דאס יידישע פאלק האט געשאפן און צוגעטראגן אלס מתנה צו דער וועלט.

אלס ליטעראטור, האט עס געמאכט א פיל טיפערן איינדרוק אויף דעם פראגרעסיוון מענשלעכן געדאנק ווי וועלכעס עס איז אנדער בוך אויף דער וועלט, עס איז כמעט ווי אונמעגליך אפצושאצן אויף וויפיל אט דאס ווערק האט געהאלפן צו פארמירן די פראגרעסיווע אידייען פון דער מענטשהייט. אבער וואס פאר א מין בוך איז די ביבל?

די ביבל איז ניט נאר איין בוך, דאס איז א גאנצע ביבליאטעק, א גאנצע ליטעראטור פון א פאלק. דאס איז א זאמלונג פון 35 בי־כער. יעדעס בוך האט זיך זיין באזונדערע אייגנארטיקייט און צוועק־דער תנך ענטהאלט אין זיך א גרויסע, רייכע, פיל זייטיקע ליטעראטור וואס יידן האבן געשאפן אין די ערשטע טויזנט יאר פון זייער גע־שיכטע, פון אומגעפער דעם צוועלפטן ביז ארום דעם צווייטן יאר־הונדערט פאר דער קריסטליכער צייט רעכענונג. מיר געפינען דארט פראגמענטן פון אלטע פאלקס געזאנגען, פון מלחמה און נצחון, וואונדער מעשות פון אור אלטע טעג, היסטאריע ביכער, פול מיט דער פרישער קראפט פון א צייט פון קאמף, גבורה און הערא־איזם, מיר געפינען דארט געזעצביכער וואס שפיגלען אפ די אנטוויקלונג פון דער ציוויליזאציע אין יענער צייט, חכמה ביכער וואס ענטהאלטן טיפע געדאנקען וועגן מענטשנס לעבן—פייערדיקע רעדעס פון די נביאים, וועלכע האבן געפריידיקט גערעכטיקייט און ליבע אין נאמען פון גאט. איר טרעפט דארט באגייסטערטע תהילים געזאנגען וואו די טיפסטע געפילן וואס באוועגן דעם מענטשנס הארץ האבן געפונען זייער שטארקסטן אויסדרוק—אלץ איז צונויפגעזאמלט אין אט דער רייכער ליטעראטור וואס מיר רופן די ביבל.

מיר קענען זיך גארניט פארשטעלן ווי אזוי די וועלט וואלט אויס־געזען אפילו אין דער איצטיקער פינסטערער צייט, ווען אט דאס באַ־רימטע ווערק וואלט בלויז פארבליבן א בוך געשאפן פון יידן און פאר יידן.

צום גרויסן גליק, אבער פון דער מענטשהייט, איז די ביבל, א דאנק געוויסע היסטארישע סיבות, פארבליבן א בוך ניט נאר פון דער יידישער נאר אויך פון דער קריסטלאכער וועלט. אין משך פון א סך יארהונדערטער האבן די אייראפעאישע קולטורעלע פעלקער זיך כמעט איינגאנצן דערצויגן אויף דער הייליקער שריפט, נאך ביז היינטיקן טאג איז דער תנך דאס סאמע פארשפרייטסטע און דאס סאמע גע־לייענטסטע בוך אין דער וועלט און מען קען אויך זאגן, אז עס איז ניטא קיין איין שפראך אין וועלכער דער תנך זאל ניט זיין איבער־זעצט, און זאל ניט ווערן געלייענט. מיר מעגן זאגן אן וועלכער עס איז איבערטרייבונג, אז אט דאס יידישע מאנומענטאלע ווערק האט אוועקגעלייגט, אין א גרויסער מאס, דעם פונדאמענט פאר דער אייראַ־פעאישער ציוויליזאציע, די ביבל איז געווען אט דער וואונדערלאכער כוח וואס האט מיטגעווירקט אין דער פארשפרייטונג פון פראגרעסי־ווע אידעען און רעוואלוציאנערע פרייהייט באוועגונגען.

מיר קענען געפינען סימנים פון איר איינפלוס סיי אין דער ענג־לישער מאגנא קארטע פונ'ם 13טן יארהונדערט, אין דער פראנצוי־זישער רעוואלוציע און אויך אין דעם גייסט פון אונדזער אמעריקאנער "ביל אף רייטס" עס האט צעשמעטערט די קעניגליכע טראנען און אויפגעשטעלט דעמאקראטיעס פאר וועלכע דער בעסערער טייל פון דער מענטשהייט קעמפט אזוי בלוטיק אפילו אין דעם איצטיקן מאַ־מענט.

געשיכטע שרייבער דערקלערן אז די אייראפעאישע ציוויליזאציע באשטייט פון א צענויפשמעלצונג פון דריי הויפט עלעמענטן: 1. דער גריכישער, 2. דער רוימישער, 3. און יידישער.

די גריכן האבן געגעבן דער וועלט—פילאזאפיע און עסטעטיקס אלס א מאס פאר די קונסטן ווי ליטעראטור, מאלעריי, סקולפטור—און אזוי ווייטער.

די רוימער האבן געגעבן דער וועלט דעם באגריף פון געזעץ און שטאט פאליטיק. און די יידן האבן געגעבן דער וועלט, ערשטנס — א העכערן באגריף פון רעליגיע—דעם מאנאטעאיזם—אדער דעם גלויבן

אין אז איינציקן גאָט וואָס איז דער באַשעפער פון דער וועלט—און צווייטנס—האָבן זיי אונדז געגעבן—עטיקס—א באַגריף פון סאָציאַלן יושר.

דורך דער פאַרשפּרייטונג פון דער ביבל צווישן דער געצנדינע־רישער וועלט האָט דער יידישער מאָנאָטעאיזם ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם אָרט פונם באַרבאַרישן געצנדינסט. דער יידישער באַגריף פון גאָט האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון די גלויבנס פון די געצנדינער ער איז געווען טיפער, מענשליכער. ער איז געווען אנדערש.

דער י י ד י ש ע ר ג אָ ט איז ניט קיין פּערזענליכער, וואָס מען קען אונטערקויפן מיט געבעטן וואָס זיינען פול מיט זיסע ריידעלעך, חניפה ווערטלאך, אָדער מיט פעטע קרבנות. דער יידישער גאָט האָט זיך שטאַרק געמישט אין דעם באַגריף פון מענטש צו מענטש. ער איז געווען א גאָט פון גוטסקייט און שלום און וואָס קעמפט קעגן שלעכטס און אונטערדריקונג...

דער יידישער גאָט פאַרטרעט באַשטימטע אידעען פון רחמנות, אמת און גערעכטיקייט. צום ערשטן מאָל האָט די מענטשהייט באַ־געגנט אין די וואונדערליכע רעדעס פון די נביאים אן אום'רחמנות־דיקע קריטיק אויף געוויסע לעבנסשטייגערס, פרייע געדאַנקען, און פולן פרייען אויסדרוק, און געהערט די פּראָטעסט געשרייען קעגן אונ־טערדריקונג, פאַלשקייט און אומרעכט.

דער פּאַסטוך עמוס הויבט אויף הויך זיין שטימע און זאָגט אז: "נישט קיין קרבנות און תפילות פאַרלאַנגט יעהאָווע, נאָר אמת און יושר"...

הושע וואָרנט די קינדער פון ישראל אז גאָט האָט א גרונט צו זיין אומצופרידן מיט זיי, וואָרים ס'איז ניטאָ ניט קיין אמת, נישט קיין חסד. פאַלשקייט און ליגן, רציחה און גנבה—האָבן זיך גע־שטאַרקט, און בלוט פליסט אומעטום.

דער פלאַמעדיקער נביא ישעיה שרייט אויס:

אייערע הענט זיינען פאַרפלעקט אין בלוט,\
וואַשט זיך ארום—רייניקט זיך\
מיינע אויגן זאָלן ניט זען אייערע שלעכטע מעשים\
הערט אויף טאָן שלעכטס\
לערנט זיך אויס טאָן גוטס,

ווי צו די וואס זאמלען אויף
א הויז נאך א הויז,
פארכאפן א פעלד נאך א פעלד
אזוי אז פאר אנדערע בלייבט קיין ארט ניט.

מיטן אידעאל פאר גערעכטיקייט איז אויך געווען פארבונדן דער חלום וועגן אייביקן שלום, און דער נביא ישעיהו זינגט אז עס וועט קומען א צייט ווען וועלף וועלן גיין צוזאמען מיט לעמעלאך, און דער לעמפערט וועט גיין מיט די ציגן און א קליין קינד וועט זיי פירן.— און די שווערדן וועלן זיי איבערשמידן אויף גראבאייזנס, און די שפיזן אויף שניידמעסערס, קיין פאלק וועט ניט אויפהויבן א שווערד קעגן א צווייטן, און מען וועט מער ניט לערנען מלחמה צו האלטן. ס'איז אן שום צווייפל אז די מוטיקע רייד פון די נביאים האט געהאט א שטארקן איינפלוס אויף די געדאנקען פון א סך דורות.

דעם אפקלאנג פון די רייד קען מען הערן אין די רעדעס און שריפטן פון יעדן פראגרעסיוון דיינקער און שרייבער, פרייהייטס־קעמפער און סאציאליסט, מען געפינט זיי אין די רעדעס פון לאסאל'ן און דזשארדאנא בראונא, לינקאלן און דעבס'ן—ביי די פירער פון דער ענגלישער לייבאר פארטיי און אויך ביי פרעזידענט רוזוועלט.

אז ווייס פרעזידענט וואלא'ס האט געוואלט באגרינדן די וויכ־טיקייט פון ניו־דיל האט ער ניט געפונען קיין בעסערן וועג ווי אנ־צושרייבן אן ארטיקל "דער ניו־דיל און די נביאים", וואו ער האט ארויסגעבראכט דעם געדאנק אז דער ניו־דיל זוכט צו פארווירקלעכן אין לעבן דאס וואס די נביאים האבן געפריידיקט.

די רעוואלוציאנערע באוועגונג פון דער סאציאליסטישער יוגנט אין רוסלאנד און אין פוילן איז געווען אין א גרויסער מאס א רעזול־טאט פונם איינפלוס פון תנך.

דער בלוטיקער קאמף וואס קומט איצטער פאר אין דער וועלט צווישן ליכט און פינסטערניש—ציוויליזאציע און בארבאריזם—צווישן דער פראגרעסיווער מענטשהייט, און פאשיזם—איז ניט מער ווי א פארטזעצונג פון די צוויי אידעען ריכטונגען—צווישן וועלכע עס גייט שוין אן א ביטערער קאמף פאר הונדערטער יארן.

אויף איין זייט האבן מיר די ליכטיקע אידייען פון די נביאים וועלכע האבן געלערנט דער וועלט מענטשלעכקייט און סאציאלן יושר

און פון דער אנדער זייט זענען מיר די אידעע פון גראבער מאכט און שקלאפעריי—א ירושה פון דער רוימישער קולטור פון וועלכע דער היטלעריזם איז א געזעצלעך־קינד.

צוליב דעם וואס די בעסערע טיילן פון יידישן פאלק האבן אלע מאל געזוכט צו בלייבן געטריי צו די סאציאלע אידעען פון די נביאים און זיי געהאלפן פארפלאנצן אין דער ניט יידישער וועלט, האבן דעריבער די פינסטערע עלעמענטן פון דער וועלט אונדז גע־ברענט און געבראטן—פארפאלגט און געפייניקט.

ניט אומזיסט גיסט היטלער אזוי אויס זיין צארן אויפן יידישן פאלק און האלט אים פאר דעם שולדיקן אין דער איצטיקער מלחמה.

ער איז אוודאי גערעכט. די סאציאלע אידעען וואס יידן האבן געגעבן דער וועלט דורך דעם גרעסטן שעפערישן ווערק, די ביבל לאזט אים ניט רוען, שטערט אים אין באהערשן און פארשקלאפן די וועלט. לאמיר האפן אז די ליכטיקע פונקען וואס די נביאים האבן אנגעצונדן אין הארצן פון דער מענטשהייט — וועט קיינמאל ניט פארלאשן ווערן — און וועט אויך אף ווייטער דינען אלס א וועג־ווייזער פאר דעם אויפבוי פון א שענערע און א בעסערע וועלט.

גאלדי מייער

דער יידישער בייטראג צום קריסטנטום, און איסלאם

אנפאנגענדיק אומגעפער אין דעם יאר 1935 זיינען אין נאצי־דייטשלאנד הונדערטער קריסטליכע גלחים און פאסטארן ארייננגע־זעצט געווארן אין קאנצענטראציע לאגערן. עס איז געגאנגען צו דערמא־נען דעם הערואישן קאמף פון פאסטער מארטין נימילער. פון דעם האט זיך גלייך ארויסגעוויזן אז דער קאמף פון דער דייטשער רעגי־רונג קעגן קריסטנטום האט זיך אנגעפאנגען.

טעארעטיקער פון דעם נאציזם, צום ביישפיל, ראזענבערג און גייבעלס, האבן שוין מיט יארן פריער געפרידיקט די אפשאפונג פון דער קריסטליכער לערע. זיי האבן גע'טענה'ט אז קריסטענטום איז א יידישע אינסטיטוציע, און יעזוס איז א יידישער ממזר, און דעריבער מוז דאס אפגעווישט ווערן.

עס איז נישט אמת אז זיי האָבן פאַרפאַלגט קריסטענטום צוליב דעם וואָס עס איז באאיינפלוסט געוואָרן פון יידישע קוואַלן: די אור־זאַך איז דאָס וואָס נאַציזם איז אין תוך דער גענגזאַץ פון יעדע עטישע אידייע וואָס דאָס קריסטענטום האָט געפּריידיקט.

מיר וועלן מיט זיי יאָ, איינשטימען אז די קריסטליכע אידייען האָבן פיל געשעפּט פון דער אידישער רעליגיע, זייער פיל.

מיר וועלן פּרואוון באווייזן דעם יידישן איינפלוס אויף דער קריסטלאַכער רעליגיע.

אין יעדן פאַרגלייך וואָס מיר וועלן מאַכן צווישן די יידישע און די קריסטלאַכע רעליגיעס וועלן מיר זען די ענליכקייט צווישן די פונ־דאַמענטאַלע באַגריפן פוןביידן.

דער קאַרדינאַלער און ערשטער באַגריף פון דער קריסטלאַכער לערע איז זיכער דער מאָנאָטעאיזם אָדער גלויבן אין איין גאָט. דער געדאַנק איז אָן א שום ענדערונגען איבערגענומען געוואָרן פון דער יידישער ירושה.

ווען מען האָט יעזוס'ן געפרעגט וואָס איז לויט זיין מיינונג דער עסענץ פון דער ביבל, האָט ער געענטפערט: "דו זאָלסט ליב האָבן גאָט, דעם איינציקן, און דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אליין.

אין די צוויי באַגריפן ליגט פאַקטיש דער אינהאַלט פון דעם קריסטלאַכן גלויבן און ביידע, זיינען דירעקט גענומען געוואָרן פון דער ביבל, א יידישער פּראָדוקט. עס איז א באוואוסטער פאַקט אז אלע געזעצן וועגן גערעכטיקייט, שלום, ליבע פאַרבערידערונג פון פעל־קער, די הייליקייט פון דער פאַמיליע, און אנדערע אזעלכע מאָראַלישע אימפּעראַטיוון זיינען איבערגענומען געוואָרן פון דעם יידישן וועלט בליק.

איינע פון די פונדאַמענטאַלע קאָנצעפּטן, וואָס יעזוס האָט איינ־געזאַפּט מיט זיין יידישער ירושה איז דער באַגריף וועגן גאָט'ס קעניגרייך וועלכע ווערט עטאַבלירט אין דער וועלט ביסלעכווייז, א דאַנק די שטרעבונגען פון מענטשן נאָכצומאַכן די מידות פון דעם באַ־שעפער.

עס איז א וויכטיקע יידישע טראַדיציע און באַציאונג צו משיח'ן וואָס איז אין א געוויסן זין, מיט מינימאַלע ענדערונגען איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דער קריסטלאַכער דאָגמע. די ערשטע קריסטן האָבן באַ־טראַכט יעזוס'ן אלס דעם, וואָס דאַרף זיין דער זיגבאַרער קעמפער אי־

בער די שלעכטע כוחות פון דער וועלט. נאך זיין טויט האבן קריסטן רעווידירט זייער מיינונג און איבערגענומען דעם צוגאנג צו משיח'ן וואס איז אנטוויקלט געווארן אין דער יידישער רעליגיעזע ירושה. דאס איז דער צוגאנג וואס מיר באטראכטן אונטער דעם באגריף, פון איין משיח, בן יוסף, וואס דארף ליידן פאר די זינד פון דער וועלט, און דער צווייטער, דער זיגנדער משיח, בן דוד, וואס וועט קומען און אויסלייזן די וועלט. די טראדיציע האבן די ארטאדאקסישע קריסטן איבערגענומען — עס איז בלויז אנדערש אין דעם וואס ביי זיי זיינעןביידע משיחים פארגעשטעלט אין דער פערזאן פון איין מענטשן—יעזוס. פאקטיש ווארטן די איצטיקע ארטאדאקסישע קריסטן נאך אלץ אויף דער צייט ווען משיח וועט ווידער קומען און אויסלייזן די וועלט.

דער געדאנק אז די קירכע איז גאט'ס א שליח אויף דער וועלט, איז א קריסטלאכע אדאפטירונג פון דער יידישער אידייע וועגן אן אויסדערוויילטן, אדער "אתה בחרתנו" פאלק.

דער גלויבן אין אומשטערבליכקייט אדער תחית המתים, אזוי ווי דער גלויבן אין אנדערע ביבלישע געדאנקען, זיינען אויך געבארגט געווארן פון דער יידישער טעאלאגיע און צוגעפאסט געווארן.

אלזא, האבן מיר אין אונדזער קורצער באטראכטונג פון דעם יידישן איינפלוס אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, געזען אז מיט דער אויסנאם פון מנהגים און דינים, האט דאס קריסטענטום איבערגענו־מען אין איין פארם אדער אן אנדערער כמעט אלע פרינציפן פון דער יידישער טעאלאגיע. מיר קענען אפילו געפינען צווישן די צערעמאניעס פון דער קירכע געוויסע יידישע איינפלוסן. צום ביישפיל ווען א קריסט־לאך קינד ווערט געטויפט איז דאס אן איבערבלייבעניש פון דעם אלטן יידישן מנהג פון גוים וואס זיינען זיך מגייר. עס איז באוואוסט אז די איסייאים האבן פראקטיצירט דעם טויף ריטואל. די צעטיילונג פון ווייבער און מענער אין קלויסטער שטאמט פון א יידישן מנהג, אפילו דער עקסטאטישער אויסגעשריי "האלעלויע" און "אמען" אין די קירכעס האבן אן אפשטאם אין יידישע תפילות.

פון דער צייט אין פערטן י. ה. ווען קריסטענטום איז געווארן די אפיציעלע רעליגיע פון דער רוימישער אימפעריע איז די טענדענץ אין דער קירכע געווען אוועקצוגיין פון די יידישע אידייען און פרינציפן.

עס איז געווען ביי קליינע מינאָריטעטן א געוויס געפיל פון אומ־צופרידנקייט מיט דער לאגע אין דער קירכע וואָס האָט געבראכט צו דער פּראָטעסטאנטישער רעפאָרמאציע אין זעכצעגטן י. ה., די טענ־דענץ ביי די פּראָטעסטאנטישע פּיאָנערן פעסט צושטעלן די ראָלע און וויכטיקייט פון דעם יחיד אין רעליגיעזן לעבן, רעפּרעזענטירט מיט זיך א צוריקקער צו יידישע אידייען. די ראָלע פון יידישע גע־לערנטע אין העלפן די פּראָטעסטאנטישע פירער אין זייער אויסטײ־טשונג פון די הייליקע שריפטן איז א גרויסער יידישער בייטראג צו דער רעפאָרמאציע.

די יידישע רעליגיעזע לערע האָט אויך פיל בייגעטראָגן צו דער מאכמעדאנישער רעליגיע, נישט נאָר בנוגע מנהגים נאָר אין פונ־דאַמענטאלע פּרינציפּן פון זייער רעליגיע.

די הויפּט רעליגיעזע געדאנקען פון איסלאם זיינען גאָט און אומשטערבליכקייט. ביידע אידייען האָבן זיי איבערגענומען ביי יידן, נאָר אויף א וואולגארן אופן. זיי האָבן די אידייען איבערגעפירט, אויך אין א סך מנהגים האָבן די מאכמעדאנער נאָכגעמאכט די יידן.

דאָס געבן א טייל פון די פּראָדוקטן צו די אָרימע, דער מנהג פון צדקה, די אינסטיטוציע פון ברית מילה, און דער פאַרבאָט צו עסן חזיר—דאָס זיינען אַלע מאניפעסטאציעס פון דעם יידישן איינ־פלוס אויף איסלאם.

אזוי זעען מיר אז מיט וויניקע אויסנאמען האָט יעדער קאָנסט־רוקטיווער בייטראג וואָס איז געמאכט געוואָרן צום רעליגיעזן לעבן אין אייראָפּע, קליין אזיע, אָדער אמעריקע, באאיינפלוסט געוואָרן פון יידישע געדאנקען.

יידן, א קליין פאָלק מיט א סך שעפערישן כוח אין אַלע צווייגן פון מענטשלאכן לעבן האָט אָבער זייער גרעסטן שאפונגס־גייסט ארויסגעוויזן אין רעליגיע. עס איז ניטאָ קיין רעליגיעזע סעקטע וואָס האָט ניט גענומען מאָראַלישע אידייען, עטישע כללים און מנהגים ביי יידן. רעליגיע איז אונדזער גרעסטע מתנה צו דער וועלט.

עוועלין וויינבערג

די ראָלע פון יידן אין דער מעדיצין

ווען מען פאַנגט אָן צו רעדן וועגן דער יידישער ראָלע אין דער מעדיצינישער וועלט, קומט אויף די געדאַנקען דער זייער געלונגענער אויסדרוק פון דעם ניט יידישן פּובליציסט, ווינסענט אַ'ברייען, וואו ער זאָגט, עס איז נעבאַך אַ רחמנות אויף די פרומע היטלער־דייטשן וועלכע לעבן לויט דער ראַסן תורה און גלויבן אַז אַלץ וואָס קומט פון דער יידישער ראַסע איז שעדלאַך און פאַרדאָרבן, און אַ רייִנער אַריער טאָר ניט קומען אין באַרירונג מיט די יידן, און קיין זאַך וואָס שטאַמט פון זיי, איז ווען אַזאַ דייטש ווערט קראַנק, מאַכט נישט אויס אויף וועלכער עס איז קרענק, צי עס איז דייעביטיס, סיפילים, שווינדזוכט, אָדער אַן איינפאַכער צאָן ווייטיק, צי גאָר ווען ער איז נערירט פון זינען, קאָן ער זיך נישט באַנוצן מיט די אַלע מעדיצינישע ערפינדונגען מיט וועלכע אַ געוויינטלאַכער מענטש באַנוצט זיך, ווייל אַ גאָר גרויסער טייל פון די מיטלען איז דערפונדן געוואָרן פון יידן. אַט וועל איך אייך געבן אַ פּאָר ביישפּילן, דער הייל־מיטל קעגן סיפילים איז דערפונדן געוואָרן פון אַ דייטשן ייד. דער פרומער היטלער־נאַצי, טאָר אפילו נישט נעמען קיין שריט אויסצוגעפינען צי ער איז אָנגעגריפן פון דער שרעקליכער קראַנקהייט, ווייל דער מיטל דאָס אויסצוגעפינען איז דערפונדן געוואָרן פון דעם יידן וואַסערמאַן. אַ נאַצי־קראַנקער וואָס ליידט אויף האַרץ־קראַנקייט טאָר זיך ניט באַנוצן מיט דיזיטאַליס, ווייל דאָס איז ערפונדן געוואָרן פון דעם ייד, לודוויג טרויב. דער זעלבער נאַצי, אויב ער האָט אַ צאָן־ווייטיק קען ער זיך ניט באַנוצן מיט קאָקיין, ווייל ער וואָלט ווייטער אויסגענוצט די אַרבעט פון דעם יידן, קאַרל קאָלער. דער פרומער נאַצי, טאָר זיך אויך ניט היילן פון טייפוד קראַנקהייט, ווייל ער מוז באַנוצן די הייל־מיטלען וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די צוויי יידן, ווידאַל און ווייל. אויב ער האָט די זיסע קראַנקייט דייעביטיס, טאָר ער זיך ניט באַנוצן מיטן באַוואוסטן הייל־מיטל אינסאָלין, ווייל די ענטדעקונג פון אינסאָלין, איז געמאַכט געוואָרן מעגלאַך דורך דער אַרבעט פון דעם יידן מינקאָווסקי. די אַנטיסעמיטן מוזן זיך מאַטערן מיט קאָנוואולסיע, ווייל דער ייד אָסקער ליברוך האָט אַנטדעקט קלאָראַל־היידרייט, און

אזוי ווייטער און ווייטער. נאך געוויינטלאך פאלגן זיי ניט אויס די אלע נאצי־אנטיסעמיטן זייער אייגענע תורה און באנוצן זיך יע, מיט אט די אלע מיטלען.

די ראלע וואס יידן האבן געשפילט און שפילן אין דער מעדיצי־נישער וועלט, האט איר אנפאנג אין די גאר אלטע היסטארישע צייטן. אין דער אלטער וועלט האבן יידן געפארשט און געזוכט צו לינדערן וויטאק און העלפן קראנקע. ניט אלע נעמען זיינען אונז באקאנט, ווייל עס זיינען נישט געווען קיין ענציקלאפעדיעס אין יענע צייטן.

פון די אלטע היסטארישע צייטן שיינען ארויס ווי לייכטנדע שטערן די נעמען פון שמואל אין בבל און דער רמבם אין עגיפטן.

שמואל זייענדיק דער ראש ישיבה פון נהרדע, און אויך זייענדיק פארנומען מיט אסטראנאמישע אויספארשונגען האט ער פון דעסט־וועגן געפונען צייט זיך אפגעבן מיט מעדיצין און געפינען א מיטל צו אויגן קראנקייטן.

די צווייטע גרויסע פערזענלעכקייט פון די אלטע היסטארישע צייטן, איז דער רמבם. די יידן אין רמבם'ס צייטן האבן אים אנגע־נומען פאר זייער גייסטיקן פירער, ער איז געווארן בארימט ניט נאר אלס גרויסער פילאזאף און לערער, נאר אז אינטערעסאנט קאפיטאל פון זיין קאריערע איז אלס מעדיצינישער דאקטאר. ער איז געבוירן געווארן אין קארדאווא, שפאניע אין יאר 1135. און נאכדעם ווען יידן האבן געמוזט פארלאזן שפאניע צוליב די דאמאלסדיקע יידן־פארפאלגונגען האט זיין פאמיליע זיך איבערגעקליבן קיין ארץ ישראל, און דערנאך אין קאירא, עגיפטן, וואו ער האט אנגעפאנגען זיין מעדי־צינישע ארבעט. זיין נאמען אלס היילונגס־דאקטאר איז געווארן בא־רימט איבער דער גאנצער וועלט, און מענטשן זיינען געקומען פון פארשיידענע וועלט־טיילן ער זאל זיי היילן. און דער עגיפטישער סול־טאן האט אים באשטימט אלס הויף־דאקטער. ער האט אויך איינ־געארדנט א מעדיצינישן קליניק וואו ער איז געווען פארנומען טעג און נעכט מיט היילן ארימע קראנקע.

ער האט געשריבן פילע מעדיצינישע באריכטן וועלכע זיינען נאך ניצלאך ביז היינטיקן טאג. זיין באוואוסטער בוך פרקי משה איז א באריכט וועגן אלע טיילן פון דער מעדיצין. און די איצטיקע מעדי־צינער גיבן צו דאס דער בוך איז אן אוצר פון אנאטאמישע און פי־זיאלאגישע אינפארמאציע. ער האט אויך געשריבן אן אפהאנדלונג

ווי צו היילן פארגיפטונג, און זיינע מעטאָדן ווערן נאָך אַלץ באַנוצט ביז היינטיקן טאָג.

און אזא באַוואוסטער מעדיצינער ווי העגיל דריקט זיך אויס, דאָס זיין אָפּהאַנדלונג וועגן פאַרגיפטונג קען פאַררעכנט ווערן אַלס קלאַסיש ווערק.

דער רמבם האָט געהאַט די שטאַרקסטע מעדיצינישע ווירקונג אויף די יידן פון זיין צייט. זיינע רעגולאַציעס וועגן היגיעניע און מאָראַל אין זיין משנה תורה איז געוואָרן אַ טעגלאַכע געזונט אָפּהיטונג פאַר די פרומע יידן אין מיטל אַלטער. און זיינען נאָך פאַרבליבן אַ טייל פון די יידישע דינים. דורך זיינע אָפּהאַנדלונגען זיינען די יידן אין מיטל אַלטער געוואָרן געזינטער און מער אָפּגעהיט. עס איז מעגלאָך אַז די יידישע באַקאַנטשאַפט מיט זיינע מעדיצינישע ווערק האָט געהאָלפן די יידן זיך אויסהיטן פון דער שווארצער מגפה אין 1349 זיי זיינען ווייניקער אָנגעגריפן געוואָרן.

יעדער קאַליף אָדער סולטאַן האָט געהאַט אַ הויף־דאָקטער. יצחר ישראילי אין צענטן י. ה. האָט געגרינדעט אַ מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין אַלדזשירס און מאַראָקאָ און דער ייד חיסדאי האָט געשריבן אַ סך מעדיצינישע ווערק. עס זיינען געווען נאָך פילע מעדיצינער יידישע אין זייער צייט, אין אַלע הויפן פון די קאַליפן האָבן געווירקט יידישע מעדיצינער, נאָר די קריסטלאַכע רדיפות און פאַרבאָטן האָבן פיל געהינדערט אין דעם יידישן פּראָגרעס אין דער מעדיצין.

איינער פון די יידישע מעדיצינישע פערזענלאַכקייטן שוין פון דער מאָדערנער צייט, איז איליי מעטשניקאָף, אַ רוסישער ייד, ער איז דורכגעגאַנגען אַ שווערע פּעריאָדע, אַז אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פראַנקרייך וואָס האָט אים נישט ערלויבט אריינצוקומען אין דעם פּאַסטיור אינסטיטוט, ער איז איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן און האָט באַוויזן די מעגליכקייט צו פאַרלענגערן דאָס מענטשליכע לעבן דורך פאַרניכטן אַקטיווע קראַנקייטן וועלכע אַטאַקירן דעם מענטשליכן קערפּער און ער האָט אויסגעפונען די פונקציעס פון די ווייסע בלוט־צעלן.

אַ צווייטע גרויסע פּערזענליכקייט אין דער מעדיצינישער וועלט פון דער מאָדערנער צייט איז דער וועלט באַרימטער, פּאָול ערליך, וועלכער האָט אַנטדעקט די באַוואוסטע כישוף קויל 606, ער האָט פון דעם געפערליכן גיפט וועלכע ווערט באַנוצט פון מערדער אויס־

געארבעט א לעבנס רעטער פאר מענטשן פון ארסעניק האט ער אויסגעארבעט אן ערלייזער פון דעם שרעקליכן מיקראָב, וועמעס בים ברייננט סיפילים, די קראנקייט מיטן פארשאָלטענעם נאָמען. פאר דער ענטדעקונג האָט ערליך באקומען דעם נאָבל פרייז אין 1908, וועלכע האָט אים אריינגענומען אין די רייען פון די גרויסע וועלט פערזענליכקייטן וועלכע האָבן אויפגעטאָן גוטעס פאר דער מענטשהייט. ער איז באוואוסט אָלס דער פאָטער פון כעמישע־טעראפּיע און אָלס דער גרעסטער ביא־כעמישער פילאָזאָף פון זיין צייט. אגב, יידן זיינען געווען זייער אקטיוו אין כעמיע און פיזיק. מען דאַרף בלויז דערמאָנען פּראָפעסאָר איינשטיין'ען.

כמעט אזוי וויכטיק ווי ערליך, איז געווען די ארבעט פון דזשייקאָב הענלי, דער גרעסטער דייטש־יידישער פאָרשער פון זיין צייט. זיין בוך "אלגעמיינע אנאטאָמיע", וועלכער איז ארויסגעקומען אין 1841 האָט געמאכט כמעט א רעוואָלוציע אין דער מעדיצינישער וועלט. עס איז געווען הענלי, וועלכער האָט דער ערשטער פעסט־געשטעלט די צעלן צוזאמענשטעל פון דער הויט און פון דעם אונטערשלאק פון די קישקעס. זיינע ערפינדונגען זיינען געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאר דער מעדיצינישער וויסנשאפט. עס זיינען אויך געווען פילע אנדערע יידן וועלכע האָבן געוואונען דעם נאָבל־פרייז. צווישן זיי איז געווען דער ייד אָטא וואַרבורג, וועלכער האָט באקומען די אנערקענונג פאר זיין גרויסע ארבעט איבער קענסער אָדער ראק קראנקהייט. ער האָט זייער פיל בייגעטראָגן צום געבן האָפענונג צו ראק קראנקע. אויך דזשאַרדזש קלעמפּער א זייער וויכטיקער ארבעטער אין דער היילונג פון דער ראק קראנקייט וועלכער איז געווען דער דירעקטער פון ראק אויספאָרשונג אינסטיטוט, אין דער פריערדיקער בערלין.

דער בארימטער פּסיכא־אנאליסט, זיגמונד פרויד, איז דער גרינדער פון דער מאָדערנער שול פון פּסיכאָלאָגיע. זיינע מעדיצינישע טעאָריעס פון דער מענטשליכער נשמה האָבן אריינגעבראכט ריזיקע ענדערונגען אין מעדיצין און פּסיכאָלאָגיע.

אין די אנטיסעמיטישע קרייזן הערשט די מיינונג אז צופיל יידן זיינען פאראן אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, אָבער דער געדאנק איז אזוי נאריש, ווי שעדלאַך. ווייל, ערשטנס האָט יעדער מענטש די פּריווילעגיע צו רופן וועלכן דאָקטער ער וויל, ווען ער ווערט

קראנק· אויב אים געפעלט ניט קיין ייד, רופט ער א גוי. און דאָס וויכטיקסטע איז דאָס וועז מען זאָל באַשרענקן די יידן צו א געוויסן פּראָצענט אין דער מעדיציניַשער וויסנשאַפט, וואָלט די וועלט פאַר־לאָרן א גרויסן טייל פון די דערגרייכונגען אין די היילונגס־מיטלען פאַר א קראַנקע און לײַדנדע מענטשהייט·

יידן האָבן געשפּילט א גרויסע ראָלע אין די פּראָפעסיעס וואָס האָבן צו טאָן מיטן מענטש· צי מיט דער מענשלאַכער נשמה, צי מיט זײַן גוף. זײַן קערפּער האָט ער געזוכט צו היילן מיט מעדיציניַשע רפואות, זײַן נשמה, מיט עטיק און רעליגיע. נאָר אַלץ איז געווען פאַר דעם וואוילזײַן פון׳ם מענטש. דער מענטש און זײַן הייליקייט איז געווען די יידישע לאָזונג·

חיה פישמאַן

די ראָלע פון יידן אין דער וועלט ליטעראַטור

פון אָנפאַנג אָן, האָבן די יידן געשפּילט גאָר א גרויסע ראָלע אין דער ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט. נישט בלויז דורך זייער אייגענער ליטעראַטור, נאָר אויך דורך זייער איינפלוס אויף די שרייַ־בער פון אנדערע פעלקער, האָבן זיי געשפּילט א געוואַלדיק גרויסע ראָליע אינם קולטורעלן לעבן פון אייראָפּע.

יידן האָבן גערעדט און געשריבן אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, אַם מערסטן האָבן יידן געשריבן אויף העברייאיש, אַראַמעאיש און אַראַביש, און זייערע ווערק זײַנען געווען איבערגעזעצט אויף לאַטיין. דאָס האָט זיי געמאַכט פאַרשטענדלאַך פאַר די ניט־יידישע געלערנטע.

צוויי פון די שרייבער זײַנען געווען שלמה איבן גאַבּיראָל און דער רמבם, וועלכע האָבן געשריבן גרויסע פילאָזאָפישע ווערק. אַלעק־סאַנדער פון היילה, אַלבערטוס מאַגנוס און טאָמאַס אַקווינאַס האָבן געשריבן טעאָלאָגישע ענציקלאָפּעדיעס, וועלכע זײַנען גערופן געוואָרן ״סומא״. פון זיי איז אַרויסגעקומען די ״סומא טעאָלאָגיע״ פון אַק־ווינאַס, וועלכע איז געוואָרן די אַנפירענדיקע טעאָלאָגישע תורה פון קאַטאָליציזם, ביז היינט צו טאָג, אין וועלכע דער פּאַפּסט לעאָ דער

דרייצענטער האָט דערקלערט אַלס די אָפיציעלע תורה פון דער קירכע. אקווינאַס האָט פיל גענומען פון איבען גאַבירא‌ל און פון אנדערע יידישע געלערנטע.

אין זיין ווערק "מורה נבוכים" אָדער "דער וועגווייזער פאַר די פארבלאָנדזשעטע" האָט דער רמבם דערקלערט די וויכטיקסטע פונקטן און ווידערשפּרעכן אין דער ביבל. דאָס ווערק האָט מען איבערגע־זעצט פון אראביש אין העברייאיש, און פון העברייאיש אויף לאַטיין. דאָס האָט עס געמאכט צוגענגלאך פאַר די גרויסע געלערנטע אין דעם דרייצענטן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן עס גענוצט צו דערקלערן די זעלביקע פּראָבלעמען אין קריסטנטום.

שלמה איבן גאַבירא‌ל איז ניט געווען באַקאַנט אַלס א ייד פאַר דער קריסטלאַכער וועלט ביזן לעצטן יאָרהונדערט. מען האָט אים גע־רופן אַוויסבראָן. ער האָט אָנגעווענדט די פּראָבלעמען וועלכע אַריס־טאָטל האָט אַרויסגעבראַכט. "מעסטער עקהאַרטס פּלייטס" וועלכע ווערט איצט באַטראַכט אַלס די פאַרקערפּערונג פונם קריסטלעכן גייסט, איז באַאיינפלוסט געווען פונם בוך "סאָנס וויטיי" וועלכע אַוויסבראָן האָט געשריבן. די פראַנציסקאַנער געלערנטע האָבן גענומען זייער לערע פון אים. דאָס אריינברענגען פון זיינע נייע געדאַנקען, איז גע־ווען די ספּעציעלע שטויסקראַפט אין די פילאָזאָפיעס פון דרייצענטן יאָרהונדערט.

שפּינאָזאַ'ס איינפלוס אויפן אייראָפּייאישן דענקען איז גע־וואלדיק גרויס אויך היינט צו טאָג. דורך פּערזענלאַכע באַציאונגען מיט לייבניץ, האָט ער געהאַט אַן איינפלוס אויף זיינע אידייען וועלכע האָבן דאָמינירט די פילאָזאָפיע פונם אכצענטן יאָרהונדערט, זיין איינפלוס איז געווען גרויס אויף קאַנט, פיכטע, שעלינג, לעסינג, גייטע, שעלי, בייראָן, און א סך אנדערע. ער האָט אויך באַאיינפלוסט די גרויסע נאַטור פילאָזאָפן ווי הערבערט ספּענסער, העקעל און אָסט־וואלד, זייער פיל, ווייל זיי האָבן אים פּראַקטיש גענומען אַלס באַזע פון זייערע טעאָריעס און אַלערליי נאַטור דערשיינונגען.

יידן האָבן פיל אויפגעטאָן צו באַרייכערן די ליטעראַטור אין דייטשלאַנד, אינם יאָר 1336, האָט שמשון דיין, א ייד מיטגעהאָלפן קלאָס וויים און פיליפּ קאַלין פון סטראַסבורג אין דער אַרבעט פון אַדאַפּטירן אויף דייטש, א פראַנצויזישע ווערסיע פון פּאַרסיפאַל.

יאָהאנעס פּאָללי האָט געשריבן "שימפּף און ערנסט" אינם יאָר 1519, וועלכע איז געווען ארויסגעגעבן אומצייליקע מאָל אין פילע וואַריאַציעס..

אצינד, ווען שפּאניע, די יידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די גרעסטע גרופּע פּאָעטן אינם הויף פון קעניג הענרי דער פערטער פון קאסטיליע, וועמעס ווערק באליכטן די סאָציאַלע געשיכטע פון יענע צייטן. עטלאכע פון די פּאָעטן זיינען געווען: אַנטאָן דע מאָנטאַרא, יאן דע עספּאניא, יאן דע וואלאדאָליד, ראדעריגאָ קאָטא דע מינגאארן, א. א. וו.

לואי פּאָנסע דע ליאן — פיליכט דער גרעסטער לירישער פּאָעט פון שפּאניע—האָט גענומען זיינע געדאנקען פון דער ביבל אריינצופירן דעם רעאליזם אין שפּאנישער פּאָעזיע. עס ווערט גענוצט פון די פּאָעטן און ראָמאנסירער נאָך אים. ער האָט געהאַט יידיש בלוט, ווייל זיין עלטער באָבע איז געווען א יידן.

די ענגלישע ליטעראטור פון טודאָר פּעריאָד איז געווען דורכגעדרונגען מיטן איינפלוס פון יידישע פּערזענלאכקייטן.

מאָנטיין איז איינער פון די גרויסע פאָרשטייער פון דער ליטעראטור אין זעכצענטן יאָרהונדערט. ער איז געווען א געמיש פון א סך פעלקער, זיין מאמע איז געקומען פון א יידישער פאמיליע פון פּאזאגאָן. זיין איינפלוס איז געווען אויסערגעוויינלאך גרויס. שעקספּיר האָט אים גענוצט, און בייקאָן האָט פיל פון אים גענומען.

וועגן דעם גרויסן דיכטער מילטאָן, קען מען כמעט זאָגן אז ער טראַכט אויף העברייאיש, און דערקלערט זיך אויף ענגליש. ער איז געווען א פּייאיקער העברייאישער געלערנטער און האָט געקאָנט ראבאָנישן לאָר, ווי מען קען זען אין זיין "פּארלאָרענעם גן עדן."

אנדערע שרייבערס וואָס זיינען געווען באאיינפלוסט פון יידן אָדער יידישע ווערק זיינען: דאנטע, מאמסען. די קבלה האָט שטאַרק באאיינפלוסט: דזשאָרדזש הערבערט און דזשאָן דאָן, האָבן נאָכגעמאכט דעם תהילים און געוואָרן מעטאפיזישע פּאָעטן.

אין צווייטן האלב פונם ניינצענטן יאָרהונדערט, האָט סער ארטור ווינג פּינעראָ געגעבן דער ענגלישער דראמע א ניי הארץ, און האָט סומירט די טענדענצן פון דער צייט אין זיינע שפּילן, ווי "די צווייטע פרוי טאנקווערי" און "טרעלאָני פון די קוואלן". ער מיט הענרי ארטור דזאָנס, האָבן געראטעוועט דעם ענגלישן טעאטער פון נישט נאטיר-

ליבקייט, און האָבן געמאַכט גרינגער דעם וועג פאַר שאָ, גאַלסוואָירט, און אַנדערע.

אין דייטשלאַנד: משה מענדעלסאָנ׳ס ערשטע וויכטיקע ווערק: "בריוו וועגן סענטימענטן", געשריבן אין 1755, האָט פּראַקטיש גע־גרינדעט די מאָדערנע דייטשישע פילאָזאָפיש־עסטעטישע קריטיק. זיין ווערק "פיידאָן" איז געלערנט געוואָרן פון אַלע פילאָזאָפן. עס איז געווען איבערגעדרוקט אין כמעט יעדע אייראָפּייאישע שפּראַך, און האָט געטאָן מער ווי וועלכע אַנדערע ווערק פון דער צייט צו מאַכן בעסער באַקאַנט די רעפּוטאַציע פון דער דייטשער פילאָזאָפיע.

סאַמועל טיילאָר קאָלערידזש, איז געווען אַן איבערגעבענער סטו־דענט פון משה מענדעלסאָנ׳ס פילאָזאָפישע ווערק, און זיין טייערס־טער פריינט אין הייגייט איז געווען דער יידישער שרייבער, היימען הוראָוויץ.

היינריך היינע און לודוויג בערנע האָבן געשאַפן אַ נייעם סטיל אין דער דייטשער פּובליציסטיק. זיי האָבע אין זייערע עסייען אריינ־געלייגט אַ נייעם גייסט און טעכניק. היינע איז געווען איינער פון די גרעסטע אייראָפּייאישע פּאָעטן פון זיין צייט, און איינער פון די גרעסטע דייטשע פּאָעטן אין אַלע צייטן. זיינע לירישע לידער זיינען ביז איצט צווישן די פּאָפּולערסטע אין דייטש, און זיין "לאָרעליי" און "גרענאַדירס" קענען נישט אַרויסגעטריבן ווערן אפילו פון די נאַצים.

אין פראַנקרייך האָבן יידן אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אין די הענט פון מאַרסעל פּרוסט, וועמעס מאַמע איז געווען אַ יידישע, איז דער ראָמאַן אָפּגעפרישט געוואָרן.

אַנדריי מאַרוא, וואָס שטאַמט פון יידן, האָט מיט עמיל לודוויג אין דייטשלאַנד געגרינדעט אַ נייעם סטיל אין שרייבן ביאָגראַפיע, וואָס האָט געמאַכט פון די אַלטע, שטרענגע העלדן, לעבעדיקע, פלאַס־טישע מענער.

אין דענמאַרק האָבן די יידן געאָרג בראַנדעס און מייער עראָן גאָלדשמידט באַרייכערט דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון לאַנד. געאָרג בראַנדעס איז געווען איינער פון די גרעסטע קריטיקער אין דער וועלט, זיינע עסייען וועגן די שפּילן פון שעקספּיר, און די ווערק פון אַנדערע וויכטיקע שרייבער זיינען ליטעראַרישע מייסטערווערק.

פון דער עמאַנציפּאַציע אָן, דאָס הייסט פונם סוף אַכצענטן יאָר־הונדערט אָן, שפּילן יידן אַ ריזיקע ראָליע אין די ליטעראַטורן פון

אלע לענדער. די בעסטע קונסט און ליטעראטור קריטיקער אין רוס־לאנד, דייטשלאנד, אמעריקע, ענגלאנד און פראנקרייך, זיינען יידן. גענוג צו דערמאָנען עטלאכע מאָדערנע נאָוועליסטן ווי סטעפאן צווייג, פראנץ ווערפל און וואסערמאן אין דייטשלאנד, לודוויג לואיסאָן, וואלדא פרענק, לואיס מומפארד, פעני הורסט און עדנע פערבער אין אמעריקא, פיליפ גודעלא אין ענגלאנד און פיל פיל אנדערע אין אנ־דערע לענדער. יידן האָבן ארויפגעלייגט זייער שטעמפל אפן מענטש־לאכן גייסט אין אלע לענדער.

לאה פערלמאן

די יידישע ראָלע אין דער אַנטדעקונג און אַנטוויקלונג פון אַמעריקע

פול איז די יידישע געשיכטע מיט פארפאָלגונגען, פון דעם צווייטן חורבן אַן האָט מען זיי אף קיין פלאץ לאנג ניט געלאָזט זיך איינלעבן. אזוי האָבן זיי געוואנדערט פון לאנד צו לאנד, פון פאָלק צו פאָלק, ביז מיר קומען צו דער צייט ווען די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע יידישע געמיינדע האָט געלעבט אין שפאניע.

שפאניע, צו יענער צייט, איז געווען איינע פון די גרעסטע און רייכסטע לענדער אויפן אייראָפייאישן קאָנטינענט. דורך די מלחמות אָבער וואָס זי האָט געפירט פלעגט זי אָלעמאָל זיין פארענגט אין געלט. און דער קוואל פאר געלט זיינען געווײנטלעך געווען די יידן, ווענען ס'האָט זיך געלעבט גאנץ גוט, און א טייל זיינען געווען גאנץ רייך

עס האָט אָבער לאנג ניט גענומען און די, וועמען די יידן זיינען אָלעמאָל געווען גרוים אין די אויגן, האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אינגאנצן זיי צו בארויבן, און אויב מעגלעך אינגאנצן פארטרייבן זיי פון לאנד. די הערשער פון שפאניע, איזאבעלא און פערדינאנד, וועלכע האָבן געזען א מעגלעכקייט צו באָרייכערן דעם מלוכישן שאץ־אוצר, האָבן איינגעווילינגט צו די פארפאָלגונגען וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון דער אינקוויזיציע.

און אזוי איז עס געגאַנגען פון ערגער צו ערגער, ביז עס איז געקומען דער טאָג, דעם צווייטן אויגוסט, 1492, תשעה באב, ווען די יידן זיינען אינגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע.

איך ווייס ניט צי דאָס איז דער שיקזאַל, אָדער אַן אומבאַגרייפ־לעכע מאַכט אין דער נאַטור וואָס גראַדע אין דעם טאָג תשעה באב, אין וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט אַזוי פיל היסטאָרישע חורבנות, גראַדע אין דער זעלבער צייט, אויגוסט דעם דריטן, 1492, איז קאָ־לאַמבוס אַרויסגעפאָרן אויף זיין ערשטע רייזע מיט זיינע דריי שיפן, צו אַנטדעקן דאָס לאַנד וואָס האָט געגעבן אַ היים אַלע פאַרפאָלגטע בכלל, און אונז יידן בפרט. און ווען קאָלאָמבוסעס שיפן האָבן זיך באַגעגנט מיט די שיפן וואָס האָבן געפירט די יידישע פאַרטריבענע פון שפּאַניע, איז עס ניט געווען אַ מין נביאה און אַ טרייסט, אַז נאָך תשעה באב קומט שבת נחמו...

אָבער ניט אַזוי גיך טוט זיך עס ווי עס רעדט זיך. ביז קאָלאָמבוס האָט אויסגעווירקט אויף צו קאָנען מאַכן זיין היסטאָרישע רייזע, האָט אים גענומען יאָרן און יאָרן פון וואַנדערן און שתדלנות, און איינ־בעטן זיך.

זייער אַ סך האָט ער געלערנט פון יידישע ערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי צום ביישפּיל, נאָך אין דעם דרייצענטן יאָרהונ־דערט זיינען אידן געווען גוט פאַרטראַטן אין מעדיצין, וויסנשאַפט, ווי אויך אין נאַוויגאַציע. יידן האָבן אויך גוט געקאָנט די באַוואוסטע וועלט צו יענער צייט. אַזוי איז בנימין פון טודילאַ אויסגעפאָרן דרום אייראָפּע, אַפריקע, און אַזיע; און אין 1334 האָט יוסף פּייווקין נע־וויגירט די גאַנצע באַקאַנטע וועלט. יהודה קרעשקאַש האָט מען גע־רופן דער "מאַפּע ייד", פאַר זיין באַוואוסט אַלס דער בעסטער מאַפּע צייכענער; און אין זיינע עלטערע יאָרן ווערט ער באַשטימט אַלס פאַר־וואַלטער פון פּלאַטן אַקאַדעמיע אין באַרצעלאָנאַ, וואו דער פונדאַ־מענט איז געלייגט געוואָרן פאַר קאָלאָמבוסעס עקספּעדיציעס.

און אַזוי האָט קאָלאָמבוס געלערנט נאַוויגאַציע פון זיינע יידישע פריינט, ווי אויך אַסטראָנאָמיע און די מאַפּעס האָט ער געלערנט פונם גרויסן יידישן געלערנטן, זאַקוטע.

און ווען די גרויסע שוועריקייטן זיינען ענדלעך געווען באַזיי־טיקט, און עס איז אַרויפגעקומען די פראַגע פון פינאַנסירן די היס־טאָרישע רייזע, זיינען עס געווען אויך צוויי יידן, גאַבריעל סאַנטשעס,

און לואיס דע סענטאנגעל, וועלכע זיינען געווען הויף באאמטע, וואס האבן אים עס געהאלפן פינאנסירן.

אזוי איז אויך די צווייטע רייזע קאלאמבוסעס פינאנסירט געווארן מיט יידישע געלט, אבער אויסגעמישט מיט בלוט, דורך דער שרעקלעכער אינקוויזיציע.

יידיש געלט און יידיש בלוט האבן אים געהאלפן אנטדעקן דאס נייע געבענטשטע לאנד.

און קאלאמבוס אליין איז אויך גאנץ מעגלעך געווען א יידישער מאראנא. עס איז ניט גרינטלאך באוויזן געווארן, אבער שוין דאס אליין וואס די היסטאריקער קאנען זיך ניט אייניקן וואו און ווען קאלאמבוס איז געבוירן געווארן פארשטארקט דעם חשד אז ער האט געשטאמט פון יידן.

אף זיין ערשטע רייזע, זיינען פון די 120 מענטשן וועלכע זיינען מיטגעפארן מיט אים, געווען פינף־זעקס יידן. דער ערשטער וואס האט דערזען לאנד איז געווען א ייד, ראדריגא דע טריאנא. דער ערשטער צו באטרעטן די ערד פון סאן סאלווידאר, וואו זיי האבן צום ערשטן געלאנדעט, אקטאבער דעם 12טן, 1492, איז געווען א יידישער מאראנא, לואיס דע טארעס· און דערמיט האט זיך אנגעפאנגען די געשיכטע פון אמעריקע·

די ערשטע קאלאניעס זיינען געגרינדעט געווארן אין דרום אמעריקע און אין די וועסט אינדיס· די ערשטע יידן צו עמיגרירן זיינען געווען שפאניער און פארטוגעזער, און פאר 150 יאר זיינען זיי אין אמעריקע אויך פארפאלגט געווארן פון דער אינקוויזיציע וואס די שפאנישע הערשער האבן אריבערגעבראכט פון שפאניע, און נאך אזוי שפעט ווי אין 1595 איז א מוטער, פיר טעכטער, און א זון פארברענט געווארן אויפן שייטער הויפן·

פיל בעסער איז געווען די יידישע איינוואנדערער וואס האבן געלעבט אונטער דער הערשאפט פון האלאנד און ענגלאנד צו יענער צייט, האבן זיך שוין געפונען באדייטנדע יידישע געמיינדעס אין דרום אמעריקע. ווען אבער פארטוגאל האט איבערגענומען די מאכט פון די האלענדער, האבן זיי פארמאכט די טויערן פאר יידישע איינוואנדערער· די יידן זיינען געצוואונגען געווארן צו זוכן אנדערע ערטער וואו מען קאן אימיגרירן אין דער נייער וועלט.

און אזוי זעען מיר אין סעפטעמבער, אינם יאר 1654, זיינען 23 יידישע נפשות אריינגעקומען אין האפן פון ניי־אמסטערדאם, די ער־שטע יידישע עמיגראנטן אין צפון אמעריקע, דער טייל אמעריקע וואס האט פארהיט דאס גאנצע יידישע פאלק פון שרעקלעכע ליידן, און גע־געבן א מעגלעכקייט צו לעבן אין פרייהייט אין יעדן זין פון ווארט.

אבער דאס מיינט ניט אז די ערשטע עמיגראנטן האבן ניט גע־האט אויסצושטיין פארפאלגונגען. אזוי זעען מיר אז דער גאווערנאר פון ניי אמסטערדאם, פעטער סטייוועסאנט, וועלכער האט געהערשט אין האלאנד'ס נאמען, איז געווען גאנץ ווייט פון צו זיין פריינטלעך צו די יידן. עס זיינען שוין אבער געווען פילע אנדערע כוחות, מער ליבעראלערע, וועלכע האבן אים געשטערט און געקעמפט פאר פריי־הייט און גלייכהייט פאר אלע צוגלייך.

און אזוי שוין, אונטער ענגלאנד'ס הערשאפט, האבן נאך די יידן געדארפט קעמפן פאר זייערע רעכט. צום ביישפיל, אשר לעווי, איינער פון די יידישע קעמפער וואס האט זיין גאנצן לעבן געקעמפט, ווי צום ביישפיל, פארוואס די יידן האבן באדארפט צאלן א ספע־ציעלן צינז; א צווייטן מאל פאר יידישע בירגער רעכט, און כאטש מען האט עס אים גלייך ניט נאכגעגעבן, האט ער עס אבער מיט דער צייט אויסגעווירקט. אזוי איז געווען צו קעמפן אף פארשיידענע אנ־דערע געביטן, ווי קאמערציעלע אויסנאמען, עקאנאמישע שטראפן און פאר רעליגיעזע פרייהייט.

דערצו האט נאך יעדע קאלאניע געהאט אירע אייגענע געזעצן, און וואס מען האט אויסגעווירקט אין איין קאלאניע, האט עס ניט גע־ווירקט אין א צווייטער, אזוי אז דער קאמף האט געמוזט געפירט ווערן אומעטום און פאר אנדערע רעכטן.

ווי געזאגט, זיינען די פארפאלגונגען געווען נישט קיין גרינט־לעכע, און דערפאר איז עס געגאנגען אלע מאל בעסער. ווען אבער די קאלאניעס האבן זיך ארומגעקוקט אז זיי ווערן צו שטארק געדריקט פון ענגלאנד דורך שווערע אפצאלונגען, דורך ניט געבן זיי די רעכט צו זייערע פארשטייער צו רעגירן די קאלאניעס; דאס האט פאראייניקט אלע איינוואוינער אן אונטערשייד, צום קאמף פאר פולע פרייהייט און גערעכטיקייט.

ווען דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען אונטער דער פירערשאפט פון דעם אמעריקאנער פירער וואשינגטאן, זעען מיר ווי יידן האבן

געגומען אן אנטייל אויף יעדן געביט. זיי האבן געקעמפט אין דער ארמיי מיט זייער אייגן פלייש און בלוט· דורך זייערע קאמערציעלע פארבינדונגען האבן זיי געהאלפן צושטעלן די נייטיקע פראדוקטן פאר דער קעמפענדיקער ארמיי· זיי האבן אויך געאפערט מיט זייער רייכטום וואס ווערט פארקערפערט אין דער געשיכטע דורך דעם שיינעם געשטאלט פון חיים סאלאמאן· דאס אלץ איזאנערקענט געווארן אונטער דעם גרויסן פירער, גרינדער, און ערשטן פרעזידענט, דזשארדזש וואשינגטאן, אין א בריוו וואס ער שרייבט צו די "היברו קאנגרעגיישאן" אין ניופארט, ראד איילאנד, באדאנקענדיק פאר דער לאיאליטעט און איבערגעבנקייט וואס די יידן האבן ארויסגעוויזן אין די שווערסטע טעג אין דער אמעריקאנער געשיכטע·

צו דער צייט פון נאך דער רעוואלוציע, איז די גאנצע יידישע געמיינדע באשטאנען אין 1779 פון דריי טויזנט יידן, אין 1840 פופצן טויזנט יידן און אין 1881, שוין 250,000 יידן.

אין 1881 פאנגט זיך אן אין רוסלאנד די פארפאלגונגען און פאגראמען אויף יידן, און די גרויסע עמיגראציע פון רוסיש-פויליש-גאליצישע יידן הויבט זיך אן, און ביים יאר 1928, דערגרייכט שוין די צאל יידן אין אמעריקע 4,200,000·

אין משך פון די יארן האבן די יידן גענומען אזאקטיווען אייגטייל צוזאמען מיט די אנדערע נאציאנאליטעטן וואס שטעלן מיט זיך פאר די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, און געהאלפן ברענגען דאס לאנד צו דער גרויסקייט און רייכקייט און צו דער שענסטער פארם פון א דעמאקראטישע ארדנונג וואס פארזיכערט אלעמען די פולסטע פרייהייט און גלייכהייט.

און ניט איין מאל אין דער אמעריקאנישער געשיכטע איז אויסגעקומען דעם פאלק צו קעמפן פאר זייערע אידעאלן, פאר די אידעאלן וואס די "ביל אוו רייטס" האט גאראנטירט, און מיר האבן געזיגט. און ווען היינט צו טאג שטייען מיר ווידער אף א שיידוועג, וואו דער שיקזאל פון דער גאנצער פרייער מענטשהייט ווערט באדראט פון א גרופע מערדערישע הערשער וואס ווילן נישט אנדערש ווי ווידער פארשקלאפן די וועלט, שטייען מיר אבער פאראייניקט מיט דער גאנצער פראגרעסיווער וועלט און וועלן קעמפן ביז א גערעכטער זיג וועט קומען, אמת א זיג וואס זיינע פונדאמענטן זאלן זיין אזוי שטארק אז אזעלכעס זאל מער קיינמאל ניט קאנען פאסירן!

און פונקט ווי מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון אונטערגאַנג דורך דער פרייער אַמעריקע, אַזוי וועלן מיר דאַרפן זיין די צו ראַטעווען אונדזערע פאַרפאַלגטע אויף יענער זייט ים, און זיי צוריקברייגנען צו דער הויך צו וועלכער די גאַנצע פרייע, פּראָגרעסיווע וועלט שטרעבט!

יהושע שער

יידן אין מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם

יידן האָבן זיך צוערשט אויסגעצייכנט אין קאַפּיטאַליזם ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען בבל — אַרום דעם אַכטן יאָרהונדערט.

די פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט צו מאַכן די יידן גרויס אין קאַפּיטאַליזם און אין האַנדל זיינען געווען: ערשטנס, דער פאַקט וואָס די יידן זיינען געווען צושפּרייט איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די יידן האָבן ניט גענדאַרפט נעמען געלט מיט זיך ווען זיי זיינען געפאָרן אַף די געפערלעכע קאַראַוואַנען. אַנשטאַט געלט, האָבן זיי געשריבן וועקסלען פון איין ייד צום אַנדערן. די געלט אָנווייזונגען האָבן פאַרלייכטערט זייערע געשעפטס-פירונגען.

פון דער וועקסל סיסטעם איז אַרויסגעוואַקסן די היינטיקע סיסטעם פון טשעק און מאָדערנע בענק. די סיסטעם האָט זיך צוערשט אַנטוויקלט אַרום דעם ניינטן יאָרהונדערט.

דער צווייטער פאַקטאָר פאַרוואָס די יידן זיינען געווען אַזוי פּראָמינענט אין האַנדל איז געווען דאָס וואָס די יידן האָבן געקאָנט אַ סך שפּראַכן. דאָס האָט געמאַכט זייער לייכט פאַר זיי אַרומצופאָרן אין אַלע לענדער. נאָך אַ פאַקטאָר וואָס האָט זיי געהאָלפן אין האַנדל איז געווען וואָס די געזעצן וואָס האָבן קאָנטראָלירט דעם האַנדל זיינען געווען איינהייטלעך. דער קאַליפאַט האָט אַנערקענט דאָס תלמודישע געזעץ אַלס בינדנד פאַר יידישן מסחר.

די וויכטיקע יידישע הענדלער זיינען געקומען פון דער פראַנצויזישער שטאָט ראַדאַן און דערפאַר האָט מען זיי גערופן — די ראַדאַניטן. די הענדלער האָבן מאָנאָפּאָליזירט דעם האַנדל אַרום דעם מיטללענדישן ים צווישן דעם אַכטן און עלפטן יאָר הונדערט.

די יידן און זייערע אראבישע קארעוואנען האבן פונקציאנירט אלס די פארבינדער צווישן מערב און מזרח. מיטן האנדל האט מען אויך געפירט קולטור, פון מערב האבן זיי גענומען שקלאפן, זייד, פוטערווארג און שווערדן. פון מזרח האבן זיי געבראכט מעדיצינען, פערפיומען, און פארשידענע שפייזן.

פון ניינטן יארהונדערט ביז ארום דעם צוועלפטן יארהונדערט זיינען די ראדאניטן געווען די וועלט־הענדלער. אבער אנפאנגענדיק מיטן כינעזישן אויפשטאנד קעגן פרעמדע סוחרים, איז דער גאנצער האנדל ביסלעכווייז אריבער אין די הענט פון קריסטן. ספעציעל האבן די ״לאמבארדן״־איטאליענישע סוחרים ארויסגעשטופט די יידן.

די פעאדאלע עקאנאמיק האט געצוואונגען די יידן אוועק אין די שטעט... דאס, צוזאמען מיט די געלט וואס די הענדלער האבן גע־מאכט אין קאראוואנען, האט געמאכט מעגלעך פאר די יידן צו זיין די פינאנסירער און באנקירער פון אייראפע צווישן צוועלפטן און פופ־צענטן יארהונדערט. נאטירלעך האט דאס וואס מען האט זיי באזיי־טיקט פון אלע פרנסות געשפילט די הויפט ראליע.

אין די צייטן האבן די יידן געהאלפן די קעניגן אויפצובויען דעם נאציאנאלן שטאט, דורך שטייערן און געצוואונגענע הלוואות.

דאס איז געווען אין די צייטן ווען די קעניגן האבן זיך געקריגט מיט די פאפסט׳ן איבער וועלט הערשאפט. די קירכע, מיט אירע גרויסע לאנד אינטערעסן איז געווען פאראינטערעסירט צו האלטן מענטשן צוגעבונדן צו דער ערד. די וואקסנדיקע קעניגן האבן געקראגן אייז צענטל פון זייער געלט פון יידישע באנקירן.

נאך דעם יאר 1350 זיינען די פונקציעס פון די יידישע בענק איבערגעגאנגען צו די איטאליענער און אנדערע אין מערב אייראפע. אבער דער געלט מאנאפאל איז געבליבן ביי די שפאנישע יידן ביז 1484. דער אנפאנג פון דער אינקוויזיציע ווען די איבערגעבליבענע יידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון שפאניע האבן זיי געהאט גוטע פארבינדונגען מיט די נייע קריסטן אדער מאראנען: דאס האט מעג־לעך געמאכט פאר זיי צו נעמען אן איינטייל אין איבערגעבן די הע־געמאניע איבער דעם האנדל צו ענגלאנד און האלאנד. די מארא־נישע פאמיליעס האבן אריינגעבראכט אזוי פיל געלט קיין ענגלאנד, אז די אנטי־יידישע געזעצן אין לאנד זיינען אפגעווישט געווארן.

אין די מלחמות צווישן די קריסטלעכע סעקטעס זיינען די יידן געווען די קאָמיסיאָנערן, די אגענטן, יאָסל עראַן פון ראסהיים און באסעווי פון פראג זיינען געווען די גרעסטע.

יעדער דייטשער קעניג האָט אויך געהאַט זיין האָף־יודע, אָדער קארט ייד, פון וועמען ער האָט געקראָגן זיין געלט און פינאנציעלע הילף.

די בארימטע יידישע פאמיליע פון אָפּענהיימער, ווירטענבערג, סינזהיים, ליימאַן און ד׳אגווילאר האָבן אָנגעפאנגען אזוי: אלס האָף־יידן.

פאר איבער פופציק יאָר האָט בוליאַן אויפגעהאַלטן די עסט־רייכישע געלט סיסטעם. צווישן 1698 און 1739 האָבן יידן אריינגע־לייגט אין דעם איבער אכציג מיליאַן גולדן.

דורך זייערע אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען האָבן יידישע פינאנסירן שפּעטער צוגעגרייט די וועגן פארן אינטערנאַציאָנאַלן פי־נאַנס. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פינאַנס, איז נחום ראָטשילד דער גרויסער נאָמען, אין 1810 איז ער געווען דער הויפט בוליאַן הענדלער אין לאָנדאָן. ער האָט קאָנטראָלירט ענגלישע פינאנציעלע באַציאונגען מיט אייראָפּא אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. ער האָט געמאַכט אפּטיי־לונגען אין פּאריז, ווין און נייפּלס.

די פינף ראָטשילד ברידער זיינען געוואָרן די פינאנציעלע פירער פון אייראָפּע. אויך די ספּייערס, די זעליגמאַנס, און די אָפּענהיימערס האָבן אָנגעפאנגען אלס אזעלכע פינאנסירער.

אין מיטן פון ניינצענטן יאָרהונדערט האָבן די ראָטשילדס פאר־מאָגט זעקס הונדערט מיליאַן פראַנקן; צוויי מאָל אזוי פיל ווי אלע אנדערע פאריזער באַנקירן צוזאמען. די פינאנציעלע אויפטואונגען פון די ראָטשילדס האָבן סטימולירט אנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך. אָבער מיטן אָנקום פון אינדוסטריעלע פינאַנס איז דער יידישער איינפלוס אונטערגעגאַנגען. זיי שפּילן ניט קיין דאָמינירענדע ראָלע אין דער אינדוסטריע.

אין דעם אָנהויב פון דער אינדוסטריע האָבן מיר געהאַט בלויז א פּאָר גרויסע פיגורן — ווי מאָנדס און רעמים, באַלון אין שיפן און ראַטענאַו אין עלעקטרישע אינדוסטריעס. איצט האָבן מיר אזעלכע ווי סאַרנאָף פון די ראַדיאָ קאָרפּאָריישאָן פון אמעריקע, סוואָפּ פון גענע־

ראל עלעקטריציטעט און אויך אין די מאַווי אינדוסטריע, ווי סעמועל גאָלדווין.

די יידן האָבן א גרויסן איינטייל גענומען אין דער אנטוויקלונג פון דעפּאַרטמענט קראָמען — גוגענהיים, לואיסאָן און ראָזענוואלד זיינען עטלאכע פון די גרויסע נעמען.

יידישער קאַפּיטאַל האָט אויפגעבויט א סך באַנען אויף דער וועלט. די ראָטשילדס האָבן פינאַנסירט די ערשטע באַנען אין פראַנק־רייך—אנדערע יידן האָבן פינאַנסירט באַנען אין בעלגיע אין רוסלאַנד — אויך אין דייטשלאַנד און אין די באַלקאַנען... אין אמעריקע האָבן קון, לאָעב און קאָמפּאַני א סך געטאָן צו בויען באַנען. יידן האָבן א גרויסן איינטייל גענומען אין ד בריטישע קאָלאָניעס — אין אַסטראַ־ליע, ניי זיילאַנד, דרום אפריקע — און דער טראַנסוואַל און אין קאַנאַדע.

יידן אין אמעריקע האָבן געשפּילט זייער א גרויסע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון דער קליידער אינדוסטריע — איצט זיינען זיי די הויפּט פיגורן אין דער אינדוסטריע... יידן זיינען אַלע מאָל געווען די ווירטשאַפטליכע חלוצים.

בכלל האָבן יידן א סך געהאָלפן פעלקער זיך דערנענטערן א דאַנק זייערע האַנדלס באַציאונגען. א טייל יידן האָבן געהאָלפן בויען דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַאַט, אנדערע יידן זיינען געקומען אים אומ־ווארפן. די לעצטע זיינען אונדזערע פאָרשטייער.

שמאי מארקום

דער איינפלוס פון יידן אויף סאָציאַלע קאַמפּן ארבעטער באוועגונג

כאָטש יידן זיינען א קליינע מינאָריטעט אין דער וועלט, פונ־דעסטוועגן קענען מיר זאָגן אז זיי זיינען געווען און זיינען איצט די אקטיווסטע אין דעם אלגעמיינעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דער וועלט. דער קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט איז אין אלגעמיין גענוצט געוואָרן פון יידן אלס א מעטאָדע צו באווייזן אז זיי קענען און ווילן קעמפן פאַר עפּעס וואָס איז גערעכט. יידן זענען

ניט אנדערש פון אנדערע פעלקער און דאך זען מיר אז אלעמאל איז עס געווען א נאטירליכע זאך פאר יידן זיך אנשליסן אין אלע קאמפן פאר גערעכטיקייט.

דער קאמף פאר גערעכטיקייט קענען מיר זאגן איז אפשר א נאטירלעכער אינסטינקט אבער כדי צוצוגיין צו עפעס ווענן וואס מיר ווייסן אביסל מער וועלן מיר אנהויבן מיט דעם קאמף פון די נביאים אין יידישן לעבן. די נביאים פון שמואל ביז נחמיה זענען געווען די וויכטיקסטע פירער פון יידן אין די אלטן צייטן, עס איז געווען דורך זייערע רעדעס, זייערע טאטן, און זייער אלגעמיינע שטעלונג צו פראגן אז יידן האבן אנגעהויבן ווערן באוואוסטזיניק. ירמיהו צום ביישפיל האט אין אלע זיינע רעדעס געקעמפט קעגן דעם קעניג און קעגן די העכערע קלאסן, (מיט וועמען ער האט געדארפט זיין נאענט) וואס האבן געדריקט יידן. ניט איינמאל איז געשען א פאל ווען ירמיהו האט אויסגערעדט זיין הארץ קעגן דער פאלשקייט פון די באבילאנישע געטער און זיי האבן אים אריינגעזעצט אין תפיסה, אבער ער האט דורכגעמאכט אלע די פראצעסן און ער איז אנגעגאנגען מיט זיין ארבעט צו קעמפען פאר גערעכטיקייט. דאס זעלבע איז אמת וועגן ישעיה הנביא.

וועגן די נביאים איז מעגלעך צו דערציילן אן א שיער מעשות און לעגענדעס וועגן זייער קאמפן און דערפארונגען. אבער דאס צו טאן איז ניט וויכטיק, ווייל יעדער איינער איז באקאנט מיט די קאמפן פון עמוס, ישעיה, מיכה און אנדערע נביאים ווייל זייער ארבעט איז פארגעזעצט געווארן אין די שפעטערדיקע קאמפן וואס זיינען אנגעגאנגען צו פארמירן דאס יידישע לעבן אף יושר און גערעכטיקייט. איינער פון די וויכטיקסטע קאמפן איז דער קאמף פון די פירושים.

די פירושים—א פארטיי אין דער צייט פון דעם צווייטן בית המקדש זיינען געווען גרויסע אנהענגער און לערער פון דער יידישער עטיק. מיר קענען זאגן אז ווען דאס יידישע לעבן איז רעגולירט געווארן פון די פירושים האט דאס יידישע לעבן געקראגן א נייעם כאראקטער. עס איז אמת אז זיי האבן געבראכט דעם צושטאנד פון אנדערשקייט און איזאלירטקייט, אבער דורך דעם האט יידישקייט אנגעהאלטן דעם מאנאטעאיסטישן גלויבן, דעם עטישן און אינטעלעקטועלן אידעאל פון דעם ייד אין א צייט ווען בארבאריזם האט געהערשט איבער דער וועלט.

אין יענע צייטן איז געווען נאך א פארטיי די איסייאים—א סעקטע פון די פרושים. די איסייאים האבן געלעבט פון ערד ארבעט אין קאמונעס, אפגעזונדערט פון אלע מענטשן ביים ברעג פון טויטן ים. אלע וואס האבן באלאנגט צו די איסייאים זענען אנגעטאן געווען אין ווייסע בגדים און זיך געוואשן אין טייך וויפיל מאל זיי האבן נאר געקענט. פריוואט אייגנטום איז אפגעשאפט געווארן און וואס איינער האט פארדינט איז געגאנגען אין דער אלגעמיינער קאסע. דזשאן די בעפטיסט אדער ווי מיר רופן אים יוחנן דער טויפער, איז געווען איינער פון די איסייאים, אבער איז זיין רוף צו זינדיקע האט ער אנגעהויבן די אידייע פון קריסטנטום. אין דעם נייעם טעסטאמענט איז גארניט דערמאנט וועגן די איסייאים, און דאס איז איינער פון די בעסטע באווייזן אז די איסייאים האבן געגעבן דעם קריסטנטום, אי די פירער און אי זייערע אידייען. די ענלעכקייט פון די איסייאים און קריסטנטום איז אויסערגעוויינטלעך. עס איז געווען דער זעלבער קאמוניזם, דער זעלבער גלויבן אין טויפן, דער זעלבער גלויבן אין נבואה, דער זעלבער געפיל וועגן חתונה. אפילו די לערע פון די אפאסטאלן און די רבנים האבן א צוזאמענבונד וואס מען קען ניט אוועקמאכן מיט דער האנט. עס איז אבער יא אמת, אז יעזוס און זיינע נאכפאלגער האבן פראקטיצירט דעם אסקעטעציזם פון די איסייאים. מיר מוזן געדענקען אז יעזוס איז אויך געווען א ייד.

ווייל יידן האבן ניט געהאט קיין אייגן לאנד פאר אזוי פיל יארן איז דעריבער אומעגלעך געווען פאר זיי צו קעמפן. ביז דער עמאנסיפאציע אדער סוף 18טן יארהונדערט האבן זיי ניט געהאט קיין מעגלעכקייטן אנצופירן רעוואלוציאנערע קאמפן, ווייל זיי האבן באדארפט קעמפן פאר זייער עקזיסטענץ, און קעגן פארפאלגונגען — און אויך די קריסטלעכע וועלט האט זיי געהאלטן איזאלירט.

דאס איז די אורזאך וואס מיר גייען צו צו דער מאדערנער צייט, גלייך נאך די אסייאים. דייטשלאנד און רוסלאנד זיינען געווען די וויכטיקסטע צענטערן פון די רעוואלוציאנערע קאמפן וואס זיינען אנגעפירט געווארן פון יידן, אדער בעסער, וואו יידן האבן געשפילט א וויכטיקע ראלע. די וויכטיקסטע אנרעגער צום קאמף אפילו אין מיטל אלטער זיינען געווען די יידישע אידייען און אין דער מאדערנער צייט אויך מענטשן וואס האבן זיך מקריב געווען, פאר פרייהייט און גערעכטיקייט. עס איז גענוג צו דערמאנען בלויז אז די וויכטיקסטע

פירער פון די רעוואָלוציאָנערע קאמפן וואָס זיינען אָנגעגאנגען אין דייטשלאנד זיינען געווען יידן, פרייהייטס קעמפער ווי קארל מארקס, דער גרינדער פון דעם ערשטן אינטערנאציאָנאל, און דער פאָטער פון וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, פערדינאנד לאסאל, דער באוואוס־טער פירער, אראטאָר און גרינדער פון די ערשטע ארבעטער פארייי־נען. גוסטאוו לענדאוו, דער עטישער סאָציאליסט, קורט אייזנער, ראָזע לוקסענבערג, קלארא צעטקין און צענדליגע אנדערע האָבן אבער אלע האָבן אין זיך געטראָגן די קערנער פון די אמאָליגע נביאים און איסייאים.

מארקס און לאסאל און משה העס האָבן געהאט אַ אנדערן בליק אויף פּראָבלעמן און מעטאָדן, אָבער אלע האָבן זיי געקעמפט פאר די אונטערדריקטע און באליידיקטע. יעדער אַף זיין וועג האָט געזוכט צו דערלייזן די מאָסן. די זעלבע אנדערשקייט פון אידייען און מעטאָדן געפינען מיר אויך אין רוסלאנד, אָבער דער ציל איז דער זעלבער — מענטשלעכע באפרייאונג, אַ וועלט פון גליק און שלום. אין רוסלאנד האָבן מיר אויך געהאט צענדליגע יידישע פי־רער אין דעם קאמף פאר סאָציאלער גערעכטיקייט, צווישן זיי פשוט'ע שוסטער ווי הירש לעקערט, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן פאר דער חשיבות פון ארבעטער, און אזעלכע אינטעלעקטועלע ריזן ווי לעאָן טראָצקי—דער פירער פון די באָלשעוויקעס אין דער רעוואָלו־ציע פון זיבעצעטן אָקטאָבער און נאָך דעם דער גרינדער פון דעם פערטן אינטערנאציאָנאל—נ. מ. שטיינבערג אַ עטישער סאָציאליסט און אַ מיניסטער אין דער ערשטער באָלשעוויסטישער רעגירונג, אַ וויכטיקער געלערנטער און פירער ווי מארטאוו אָדער אבראמאָ־וויטש דאָן, דייטש, בונד פירער ווי מעדעם, אלטער, ערליך און צענדליקע פירער און קעמפער, מארטירער און הייליקע וואָס האָבן באנעצט די רוסישע ערד מיט זייער בלוט און זי געהייליקט. אויך פרויען האָבן אנטיילגענומען אין קאמף—ווערא פיגנער און שרה העלפמאן—צווי וויכטיקע פרויען זיינען געגוג צו דערמאָנען אין דעם קאמף פאר פרייהייט—און צענדליקע אנדערע.

אין פראנקרייך, ענגלאנד, אמעריקע, איבער גאָר דער וועלט וועט איר געפינען יידן וואו נאָר אַ קאמף פאר גערעכטיקייט ווערט אָנגעפירט, יידן אלעמאָל אין די פאָדערשטע רייען פון קאמף, אָפט

מאָל קאַמפּן נישט קיין פּאָפּולערע. לאָמיר דערמאָנען צוויי אַמעריקאַנער קעמפער ווי עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן.

פון די פּרושים, נביאים און די הייליקע איסייאים ביז די מאַרטירער אויף די סיבירער וועגן אין די צאַרישע צייטן, פון ר׳ עקיבא דעם מאַרטירער ביז די געטויטע דורך דער אינקוויזיציע — פון די מאַרטירער אין די צייטן פון אנטיוכות ביז די מאַרטירער אין כמעלניצקעס צייטן, ביז די איצטיקע קעמפער אין די פּוילישע געטאָס און אויף די בערג פון יהודה ציט זיך דער מאַרטירער וועג פון יידישע קעמפער פאַר פרייהייט און אַ גערעכטע וועלט.

דער קאַמף וועט אָנגיין ביז אַ ליכטיקע זון פון פרייהייט וועט שיינען פאַר אַלע מענטשן קינדער.

פּעסי געלער

דער איינפלוס פון יידן אויף דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג

אין אָנהויב, ווען יידן זענען ערשט געקומען קיין אַמעריקע זיינען זיי געווען זייער אַקטיוו, ספּעציעל אין דער אַרבעטער באַוועגונג. פיל האָבן זיי געגעבן אויסצובעסערן דאָס לעבן פון אַרבעטער דאָ אין אונזער לאַנד, אַמעריקע.

די ערשטע אַרבעטער פירער זיינען געקומען פון ענגלאַנד, דער געבורטס פּלאַץ פון סעמועל גאָמפּערס. ער איז געבאָרן געוואָרן אין דעם יאָר 1850 אויף דער איסט סייד פון לאָנדאָן. אין יענער צייט איז געווען פיל אַרבעטסלאָזיקייט, ווייל מיט דעם אָנקומען פון מאַשינען זיינען אַ סך מענטשן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייער אַרבעט. די בילדער פון מענטשן וואָס ער האָט געזען און געהערט זאָגן, ״גאָט, איך האָב ניט קיין אַרבעט—מיין פרוי, מיינע קינדער ווילן ברויט און איך האָב קיין אַרבעט ניט״, האָבן געלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אים.

אין דעם עלטער פון צען יאָר האָט ער געמוזט גיין אַרבעטן ביי אַ שוסטער. שפּעטער האָט זיין טאַטע אים אויסגעלערנט זיין אַ ציגאַרנמאַכער. אין דער צייט, האָט זיין טאַטע, דער ראש פון שוין אַ גרויסע פאַמיליע, ניט געקענט זיי שפּייזן, און אין דעם יאָר 1863

האבן זיי זיך געלאזט קיין אמעריקע. דא האט זיין טאטע באלד גע־פונען ארבעט אלס א ציגארמאכער. סעם, ווי מען האט אים גערופן, האט זיך שנעל באקאנט מיט די שלעכטע באדינגונגען פון די אר־בעטער אין אמעריקע. ער איז דא געווארן א ציגארמאכער. אין יענער צייט איז דארט נאך ניט געווען דאס וואס מען רופט אן אר־בעטער באוועגונג. קליינע יוניאנס זיינען ארגאניזירט געווארן דא און דארט. קיין געזעץ און ארדנונג איז ניט געווען אין די יוניאנס. א גרופע מענטשן וואס האבן געטאן די זעלבע ארבעט און האבן געוואלט איינער זאל דעם אנדערן ארויסהעלפן האט מען דאן גע־רופן א יוניאן. סטרייקס זיינען געפירט געווארן דורך קלעפ און אפטמאל אויך דורך מארדן.

גאמפערס האט באלאנגט צו פיל ארגאניזאציעס וואו ער האט אלעמאל געהאלטן אן אמט. דורך דעם האט ער זיך אויסגעלערנט ווי צו רעדן. אין דעם יאר 1881 האבן די פארשטייער פון די באַ־זונדערע טרייד יוניאנס אפגעהאלטן א זיצונג און האבן ארגאניזירט די פעדערײשאן פון ארגאניזירטע טרייד און לייבאר יוניאנס פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע. ווען מען האט אפגעהאלטן די דריטע קאנפערענץ אין 1883 איז סעם אויסגעקליבן געווארן אלס ערשטער וויצע־פרעזידענט. שפעטער איז ער געווארן פרעזידענט. אין 1886 איז ארגאניזירט געווארן די אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר. ער איז געווען דער ערשטער פרעזידענט. דעם אמט האט ער אנגעהאלטן ביז זיין טויט אין 1924 מיט דער אויסנאמע פון 1894-95, ווען א סאציאליסט האט אים באזיגט. ער האט ווייניק גע־האט צו טאן מיט יידיש לעבן און אידעאלן. גאמפערס האט פיל אויפ־געטאן אלס פרעזידענט אויסצובעסערן די לאגע פון די ארבעטער. ער האט פארנומען א וויכטיקן ארט אין דעם לעבן פון די אמע־ריקאנער־ארבעטער.

רוסישע אימיגראנטן זיינען די אקטיווסטע בויער און שאפער פון דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג. אלע זיינען געווען א טייל פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. מארים הילקוויט, א בארימטער ארבעטער אדוואקאט, וואלט מען געקענט רופן דער פאטער פון סאציאליזם אין אמעריקע, ווייל דעם האט ער טאקע גע־שריבן א ווערק און באיינפלוסט די ארבעטער. ער איז געווען דער אדוואקאט פון פיל ארבעטער יוניאנס און האט געקעמפט פאר אר־

בעטער רעכטן אין די העכסטע געריכטן וואו ער האָט אַ סך מאָל געהאָלפן די אַרבעטער געווינען זייערע רעכטן.

מאיר לאָנדאָן, דער ערשטער יידישער און סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, איז געווען דער באַליבטסטער פון זיי אַלע. אין קאָנגרעס האָט ער פאַרטראָטן די מאַסן אַרבעטער פון די סלאָמס און טענעמענטס פון ניו־יאָרק. דורך אים זיינען אַ סך פון די סאָציאַליסטישע געדאַנקען דורכגעפירט געוואָרן אין קאָנגרעס. ער איז געווען זייער נאָענט מיט יודזשין וויקטאָר דעבס. און איז פון אַלעמען געווען רעספּעקטירט.

צוזאַמען מיט זיי איז אייב קאַהאַן אויך געווען זייער אַקטיוו. ער איז דער רעדאַקטער פון "פאָרווערטס" וואָס האָט סיי הילקוויטן, סיי לאָנדאָנ'ען שטאַרק געהאָלפן אין זייער קאַמף. אייב קאַהאַן איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער וואך און געהיט דעם סאָציאַליסטישן אוצר.

סידני הילמאַן, איינער פון די וויכטיקסטע פירער אין דער אַרבעטער באַוועגונג היינט צו טאָג, איז אויך אַ ייד. ער איז אנדערש פון גאָמפּערסן, מיט דעם וואָס ער איז געווען יידיש און האָט געלעבט צוזאַמען מיט יידישע אַרבעטער און רוסישע אימיגראַנטן. אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז ער אליין געווען אַקטיוו און האָט פיל געליטן. ער איז געקומען יונג קיין אַמעריקע, וואו ער האָט באַלד גענומען אַרבעטן און גיין אין נאַכט־שולן. אין 1909 איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער אין האַרט, שעפנער און מאַרקס. אין די יאָרן איז די לאַגע פון אַרבעטער דאָרט געווען זייער שלעכט. זיי האָבן געסטרייקט, און ביסלאַכווייז אויסגעקעמפט בעסערע באַדינגונגען. ס'האָט אים ניט גענומען לאַנג ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און שפּעטער ווען די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס פון אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן איז סידני הילמאַן געווען איינער פון די באַאמטע. ער האָט אַ סך געהאָלפן די אַמעריקאַנער אַרבעטער דאַן און איז אויך איצט איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון די אַרבעטער אין דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע.

די ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן מיט אירע פירער שלעזינגער און דייוויד דובינסקי, די אַמאַלגאַמייטער מיט שלאָסבערג און הילמאַן האָבן געדינט אַלס מוסטערן פאַר די אַמעריקאַנער יוניאָנס, אָנצופירן בילדונג צווישן די אַרבעטער און אויך שאַפן אינסטיטוציעס

פאר פראגראמען, כארן, דראמאטישע פארייגען, לעקציעס, קעמפס און אנדערע זאכן.

די יידישע עמיגראנטן דורך זייערע יוניאנס און פירער האבן די אמעריקאנער געוויזן ווי אזוי צו קעמפן פאר רעכטן. די יידישע ארבעטער דורך זייערע יוניאנס האבן געהאלפן אין אלע סאציאליס־טישע קאמפאניעס, מיט געלט און אגיטאציע. זיי האבן זיך באטיי־ליקט אין הילף ארבעט פאר דער רוסישער רעוואלוציע און אויך הילף פאר יידישע מלחמה קרבנות, זיי זיינען געווען און זיינען דער אוואנגארד פון קאמף פאר מענטשלעכע רעכטן, פאר דער הייליקייט פון ארבעט, און פאר א געזיכערט לעבן.

מרים ווילקס

יידן אין אמעריקאנער געזעלשאפטלעכן לעבן

ביי אונדז יידן איז דא א ווערטל: "ס'איז שווער צו זיין א ייד". דאס קען אויסגעטייטשט ווערן אין א סך וועגן אבער מיר ווייסן אז ווען א ייד ווערט בארימט אין וועלכן עס איז פאך, איז עס א דער־הייבונג פאר אונדזער פאלק. ווייל יידן, פיל מער פון אנדערע, ליידן פון דיסקרימינאציעס. יידן ווערן ניט צוגעלאזט צו געוויסע פאכן און פראפעסיעס צוליב א קוואטא אין שולן, אוניווערסיטעטן, און אין פיל פריוואטע אונטערנעמונגען לאזט מען זיי אויך ניט צו. אגב, פארוואס הערשט אזא צושטאנד אין אזא פריי לאנד ווי אמעריקע, איז א טעמע פאר זיך זעלבסט.

איז עס ווייל יידן זיינען קליגער פון קריסטן? צי איז עס ווייל דאס יידישע פאלק דארף אויסשטיין אלערליי דיסקרימינאציעס פאר אמאליקע זינד? זיכער איז, אז א ייד דארף זיין פיל פייאיקער כדי צו פארנעמען די זעלבע פאזיציע וואס א קריסט. אבער דאך געפינען מיר אז יידן האבן זיך אויסגעצייכנט און בארייכערט דאס געזעל־שאפטלעכע לעבן פון אמעריקע.

אלס רעגירונגס באאמטע האבן יידן אין אלע צייטן פארנומען וויכטיקע ערטער. לאמיר נעמען א ביישפיל אין אונזער אמעריקע. שוין אין די ערשטע יארן פון קאלאניזירן דרום אמעריקע האבן מא־

ראנעס פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע פאַרנומען וויכטיקע רעגירונגס־אמטן אין דער אדמיניסטראַציע.

אָבער די וויכטיקסטע ראָלע האָב זיי אָנגעהויבן שפּילן סוף 19 טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט.

די שטראוס'עס, די מאָרגענטאַו'ס, די באַמבערגערס, די לעמאַנס, און פיל אנדערע דייטש־יידישע פאַמיליעס האָבן פאַרנומען א זייער אָנגעזען אָרט אין אונדזער לעבן. איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף עט־לעכע וויכטיקע יידן אין צוואַנציקסטן יאָר הונדערט.

לואיס דעמבעץ בראַנדייס, בענדזשאַמין קאַרדאָזאַ, און פעליקס פראַנקפורטער. די דריי זיינען געווען ריכטער פון סופרים קאָורט. איי־נער איז נאָך איצט אויך דאָרט, און זיי ווערן פאַררעכנט אַלס זייער גרויסע ליבעראַלע אויסטייטשער פון געזעץ. זיי האָבן פיל געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר רוזוועלטס ליבעראַליזם.

יעדעס פאָלק צייכנט זיך אויס מיט ספּעציעלע טאַלאַנטן, איינג־שאַפטן, און נייגונגען. סקאַנדינאַווער צייכענען זיך אויס אין אנט־דעקן לענדער, בויען שיפן, און מיט א גרויסן ייד וואָס האָט זיי באַ־קאַנט געמאַכט אויף דער וועלט. איך מיין געאָרג בראַנדעס. איטאַ־ליענער שאַפן אָדער האָבן געשאַפן קינסטלער און מוזיקער. דייטשן האָבן געשאַפן גרויסע טעכניקער. יידן האָבן זיך אַלע מאָל אויסגע־צייכנט אין גייסטיקע פּראָפעסיעס. און אין פּראָפעסיעס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ברענגען היילונג פאַרן קערפּער אָדער פאַר דער נשמה. יידן האָבן אַלע מאָל געוואָלט טרייבן די וועלט צו פּראָגרעס און ענטדעקונגען. דאָס איז געווען אמת אין דער אַלטער צייט, אין מיטלאַלטער, און אויך איצט.

לואיס דעמבעץ בראַנדייס איז געבאָרן געוואָרן אין קענטאָקי אין 1856 פון יידיש־דייטשישע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען א רייכער תבואה סוחר. ער האָט גראַדואירט האַרוואַרד אוניווערזיטעט צו 23 יאָר מיט די העכסטע אויסצייכנונגען, און האָט אָנגעהויבן פּראַקטיצירן לאָו. מענטשן האָבן אים באַוואונדערט צוליב זיין פּשטות. בלויז א פּאָר יאָר האָט ער שטודירט פּאָליטיק, אָבער ער האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט אין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ער האָט זיך ספּעציעל איינגעשטעלט פאַר די אָרעמע, ער האָט באַקעמפט די קאָרפּאָריישאָנס. אַלס ריכטער פון העכסטן געריכט האָט ער פאַר־טיידיקט דעם געדאַנק אַז געזעץ מוז האָבן א מאָראַלישע באַזע. ער

האט אלעמאל אונטערגעשטראכן דעם יידישן עטישן פרינציפּ פון גערעכטיקייט.

ער האט אויך אריינגעבראכט א סך נייע געזעץ פרינציפּן אין גע־ריכט־אנטשיידונגען אין דער אלגעמיינער אמעריקאנער יוריספּרו־דענץ.

אויך פעליקס פראנקפורטער און בענדזשאמין קארדאזא זיינען באקאנט געווארן דורך זייערע פארבינדונגען מיט דעם סאקא־וואנ־זעטי משפּט און אין 1920 און 1930 זיינען זיי געווען די פּראמי־נענטסטע לאיערס אין לאנד. זיי זיינען ניט געווען קיין אדוואקאטן. זיי האבן קיינמאל ניט פּראקטיצירט. זיי זיינען געווען פילאזאפן פון געזעץ. פראנקפורטער האט צוגעגרייט פיל ארבעטער און טוער פאר דער נייער מערכה אין רוזוועלטס קאבינעט און האבן אויך בא־רייכערט דאס אמעריקאנער געזעץ.

נאך א וויכטיקער פילאזאף פון געזעץ איז מארים ר. קאהן— דער ליטווישער ייד וואס האט באאיינפלוסט אמעריקע. א וויכטיקער ייד איז געווען דר. סיראס אדלער. ער איז געווען דער גרינדער פון "עטיקאל קולטשור סאסייטי" אין נויארק, די ארגאניזאציע איז געווען זייער איינפלוסרייך אין אמעריקע מיט סטימולירן נייע דער־ציאונגס אידעאלן און נייע וועגן אין מענטשלעכע באציאונגען. מענטשן, אן אונטערשייד פון רעליגיע האבן זיך געווענדט צו אים. עס איז געווען א הומאניטארישע ארגאניזאציע וועלכע האט געהאלפן שאפן בעסערע באציאונגען צווישן קריסטן און יידן. אויך אין ראדיא און אין טעאטער זיינען יידן זייער שטארק פארטראטן.

דייוויד סארנאף, איז דער טשערמאן פון די ראדיא קארפּארא־ציע פון אמעריקע. ער האט אויך געהאלפן אנטוויקלען די ראדיא־טעלעגראף. דאס ווערט גענוצט אויף שיפן ,עראפלאנען און אנדערע פארמן פון טראנספּארטאציע. נאך א פּראמינענטער ייד אין דער ראדיא איז ריימאנד גרייהעם סווינג ,א נייס ערקלערער. עס זיינען דא צענדליקער יידישע נייס בריינגער און נייס ערקלערער. געוויינט־ליך, האבן מיר זייער א סך באקאנטע יידישע אקטיארן ווי דזשעק בעני, עדדי קענטער, פרעד עלען און נאך אנדערע. צוויי פון די גרעס־טע פאמיילעס אין דעם אמעריקאנער טעאטער זיינען געווען די פּרא־מענס מיט די שובערטס.

א פאר פון די גרעסטע מואווי פּראדוצירער זיינען געווען יידן.

זייערע נעמען זיינען באקאנט צו יעדן קינד. עס זיינען פאראן אזעל־כע ווי סעמועל גאלדוויין מייער, ווארנער ברידער, פאקס און א צאל אנדערע. ווי מיר קאנען זען פארנעמען יידן פראמינענטע ערטער אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון אמעריקע. צי זייער ווירקונג און איינפלוס איז דירעקט א יידישע — איז א פראגע מיט פיל קאמפליקאציעס. לואיס מארשאל איז אויך געווען א בארימטער לאיער און ייד. ער האט געהאלפן אז אמעריקע זאל אפברעכן באציאונגען מיט רוסלאנד נאך די פאגראמען, נאך פאר דער וועלט מלחמה.

סעמועל אונטערמייער, האט געווים פארדינט זיין ארט אין אמעריקאנער געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז געווען איינער פון די פראמינענטסטע לאיערס אין אמעריקע. ער האט אנגעפאנגען דעם באיקאט אויף דייטשישע ארטיקלען און איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע. דאס זעלבע איז אמת וועגן לואיס מארשאל.

דער היינטיקער לעבן האט א שנעלערן טעמפא ווי אמאל, און יידן האבן אויפגעכאפט דעם ריטם און פון אים געמאכט מוזיק. א שאפער פון די פונדאמענטאלסטע מאדערנע מוזיק לויטן אמעריקאנער נוסח איז געווען דזשארדזש גערשווין. ער איז געשטארבן אין די בליענדסטע יארן פון זיין קאריערע, אין 1937. אבער זיין מוזיק ווערט אפגעשאצט פון אלע די וואס האבן א געפיל פאר מאדערניזם. ער האט ניט געשריבן לאנגע סימפאניעס, אבער זיין מוזיק איז געווען לייכט קלאסיש. זיינע פאפולערסטע שאפונגען זיינען געווען "פאר־דזשי און בעס", אן אפערעטא, און "רעפסאדי אין בליו". און איצט, דער סאמע פאפולערסטער קאמפאזיטאר פון אמעריקאנער פאטריא־טישע מוזיק איז אירווינג בערלין און אסקער לעוואנט. איר אלע קאנט זיי. אירווינג בערלין איז דערצויגן געווארן אויף דער איסט סייד פון נויארק. ער האט געשילדערט אמעריקע ווי א קינסטלער אין זיין מוזיק, און ער האט אויסגעדריקט די טעמפא פון אמעריקאנער לעבן. נישט פאר פיין שמעקער האט ער געשאפן, נאר פאר די פאלקס מאסן.

איך וואלט געקאנט דערמאנען אז א שיר דראמאטורגן, פאפולע־רע פאעטן, נאוועליסטן, קאלומניסטן ווי וואלטער ליפמאן, בארימטע יוריסטן, פראפעסארן און געלערנטע אין אלע צווייגן פון דער וויסנ־שאפט.

די עטלעכע וואָס כ'האָב דערמאָנט גיבן בלויז א מיניאטור בילד ווי איינגעוואָרצלט יידן זיינען אין אמעריקע, און ווי רייכער און פיל פארביקער דאָס אמעריקאנער לעבן איז א דאנק דעם יידישן בייטראג. אונטער דער זון פון פרייהייט און רעכטן אנטוויקלט זיך דער יידישער טאַלאַנט און ווערט שעפּפעריש אויף אלע געביטן פון מענטשליכן לעבן. לאָמיר האָפן, אז דער יידישער גייסט וועט ווייטער שאַפן און ארויסברענגען גייסטיקע ריזן, וואָס וועלן פארשאַפן כבוד אונדזער פאָלק, ווי לעבעדיק קלינגען די באשולדיקונגען אז יידן זיינען פּאראַזיטן, ווען אין אזא קורצער צייט אין אמעריקע האָבן מיר אזוי פיל געשאפן אין א לאנד, וואו מיר האָבן זיך אפשר אנגעהויבן איינצוואָרצלען.

אונדזער גייסט האָט בלויז א פּאָר בלומען ארויסגעבראַכט, די פרוכטן וועלן ערשט קומען.

חנא פאָסטל

דער בייטראג פון יידן צו דער ציוויליזאַציע אין דעם 19טן און 20טן יאָר הונדערט

אונזער אויפגאבע אין די קומענדע עטליכע מינוטן וועט זיין אָפּצושאצן דעם איינפלוס וואָס יידן האָבן געהאט אויף דעם אלגעמיינעם לעבן אין דעם 19טן און 20טן יאָר הונדערט.

דער יידישער בייטראג צו דער ציוויליזאציע אין דער מאָדערנער צייט איז אזוי גרויס, אז עס איז כמעט נישטאָ קיין איין געביט פון מענשליכער אקטיוויטעט אין וועלכן דער ייד שפּילט נישט א ראָלע. דעריבער שטייט פאר אונז גלייך די פראגע: "וואָס פאר א מעטאָדע זאָלן מיר אָנווענדן אין אונזער פרואוו אָפּצושאצן דעם איינפלוס?"

געוויינטלאך ווערט באַנוצט די פאָלגענדע מעטאָדע. מען רעכנט אוים פאר אונז די פארשידענע פאזן פון אונזער מאָדערנעם לעבן אין וועלכן יידישע פאָרשונג און שעפּפערישקייט ווייזט זיך ארויס. צום ביישפּיל, מען וועט אונז דערציילן אז ווען מיר צעקראצן זיך און נוצן "פּערעקסייד" דארפן מיר זיין דאנקבאר דעם יידן, ריטשערד וואָלפענסאָן, וואָס האָט דאָס ענטדעקט. מען דערמאָנט אונז אז אָן יידישער

קריאַטיווקייט וואָלטן מיר זיך נישט געקענט צוהערן צו דזשעק בעני'ן אָדער באָב האָפּן אויף דער ראַדיאָ, ווייל אַן דער ענטדעקונג פון געוויסע עלעקטרישע כוואַליעס אין דער לופטן וואָס א ייד, היינריך הערץ, האָט געמאַכט און אַן דעם מיקראָפאָן וואָס אַ צווייטער ייד, עמיל בערלינער, האָט ערפונדן וואָלט נישט געקענט זיין אזא מין זאַך ווי א ראַדיאָ. דאָס איז זיכער איין מעטאָדע מיט וועלכער מיר קענען זיך באַנוצן.

א צווייטע מעטאָדע איז די סטאַטיסטישע, ד. ה. מיר זאָלן נעמען געוויסע אָנגענומענע מאָסן פון דערגרייכונגען, אזוי ווי דער נאָבעל פּריז, די פּוליצער פּריזן, און דער אקאַדעמי אוואָרד, און זען ווי אזוי צייכנען זיך יידן אויס אין זיי. עס איז אפשר שווערער זיך צוצוהערן צו אזעלכע באריכטן ווי עס איז צו הערן באַשרייבונגען פון יחידים, אָבער איך גלויב אז דאָס גיט, כאָטש ניט אינגאַנצן, איז א מער רעאַליסטיש און קאָרעקט בילד פון דער סיטואַציע.

איידער מיר גייען ווייטער איז כדאי צו דערמאָנען עטליכע שוועריקייטן אַן וועלכע מען שטויסט זיך אַן בשעת מען מאַכט פאָרשונגען איבער דער טעמע. ערשטנס, איז דאָ די שוועריקייט צו אידענטיפיצירן א מענטשן אַלס א יידן. אין א סך נישט-יידישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע דענקער, ווערט נישט דערמאָנט זייער יידישער אָפּשטאַם. למשל אין איין ענציקלאָפּעדיע וואָס איך האָב גענוצט איז פרויד אַן "עסטרייכישער", בערגסאָן א "פראַנצויז" און ערליך א "דייטש". (טשיקאַווע איז דאָס וואָס מאַרקס ווערט יאָ אָנגערופן אַ ייד).

צווייטנס, איז דאָ ווייניק סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן די ענינים. סטאַטיסטישע פאָרשונגען ווערן דורכגעפירט פון אזעלכע אינסטיטוציעס ווי דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, די פאַרשידענע יידישע ענציקלאָפּעדיעס, און דער "אמעריקאַן דזשואיש יירבוק", און אויך פון אזעלכע מענטשן ווי יעקב לעשטשינסקי און אַרטור רופּין, אָבער זייער טעטיקייט איז נאַטירלאַך באַגרעניצט.

עס איז שוין לאַנג דאָ א מיינונג נישט נאָר ביי יידישע שונאים נאָר אויך צווישן יידן, אז יידן האָבן אינגאַנצן נישט קיין נייגונג צו די פיזישע אָדער ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אונזער בייטראַג, זאָגט מען, איז בלויז אין די סאָציאַלע וויסנשאַפטן. לאָמיר זיך אָפּשטעלן א ווײַלע אויף דער יידישער ראָלע אין די נאַטור וויסנשאַפטן אין דעם לעצטן יאָר הונדערט און זען וויפיל אמת עס איז דאָ אין דער טענה.

קיינער וועט נישט לייקענען אַז דער נאָבעל פּריז איז איינע פון די פאַראַנטוואָרטלאַכסטע סטאַנדאַרדן פון דערגרייכונג אין מעדיצין, פיזיק, כעמיע, און אויך אין שלום טעטיקייט. עס ווערט קריטיקירט וואָס אין דער ליטעראַטור האָט מען אויסגעקליבן בלויז איין יידן, בערגסאָן, און אויסגעלאָזט אַזעלכע פּראָמינענטע שרייבער, יידן, ווי ווערפל, פויכטוואַנגער, וואַסערמאַן און מאַרסעל שוואָב. אָבער ניט קוקנדיק אויף דער באַשולדיקונג לאָמיר דאָס אָננעמען אַלס אַ מאָס. צווישן די 200 (אומגעפער) געווינער פון דעם נאָבעל פּריז זיינען 16 יידן וואָס דאָס מיינט 8 פּראָצענט יידן. (מיט דעם וואָרט "ייד" באַצייכנען מיר אַזעלכע וועמעס טאַטע איז ווייניקסטנס געווען אַ ייד). אַלזאָ, יידן רעפּרעזענטירן 8 פּראָצענט פון די נאָבעל פּרייז געווינער בשעת יידן שטעלן נישט צוזאַמען מער ווי 1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער מערב וועלט (ד. ה. אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, און די אַנדערע לענדער פון מערב אייראָפּע).

זייער אַן אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג וועגן די נאַציאָנאַליטעטן פון אַמעריקאַנער וויסנשאַפטסלייט האָט אין 1921 געמאַכט פּראָפּעסאָר דזשיימס מעקין קעטעל, אַ געוועזענער פּרעזידענט פון דעם: "אַמעריקאַן אַסאָסיאיישאָן פאָר די אַדוואַנסמענט אָף סייענס". אין זיין אַרטיקל רעכנט דער פּראָפעסאָר אויס די אָפּשטאַמונג פון איבער 900 מענטשן וואָס לויט אים זיינען זיי די פירנדע וויסנשאַפטלער אין אַמעריקע. די יידישע רעפּרעזענטאַנץ איז זייער קליין—בלויז 13 יידן געפינען זיך צווישן זיי.

אָבער, און דאָס איז זייער וויכטיק, אין אַ וויטערדיקן פּאַראַגראַף, רעכנט ער אויס דעם פּראָצענט יידן צווישן די 100 פּראָמינענטסטע אַמעריקאַנער וויסנשאַפטסלייט. זאָגט פּראָפעסאָר קעטעל: "צווישן די 100 פירנדע וויסנשאַפטלער זענען 7 פון יידישן אָפּשטאַם. די יידישע ראַסע ווייזט אַלזאָ אַרויס אַ העכערע אינטעלעקטועלע פייאיקייט" — דאָס זאָגט דער באַוואוסטער פּסיכאָלאָג, דזשיימס מעקין קעטעל.

אַן אינטערעסאַנטע פאַזע פון דער ווירקונג פון יידן אויף דעם אַלגעמיינעם לעבן איז די ראָלע וואָס יידישע סטודענטן שפּילן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אין אַ שטודיום וואָס דר. ל. דזש. לעווינגער האָט געמאַכט פון 1319 קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן

אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע אין 1936-37 ווערט באַוויזן אַז יידישע יונגעלייט שטעלן צוזאַמען 9 פּראָצענט פון אַלע סטודענטן כאָטש די אַלגעמיינע צאָל פון יידן אין דער באַפעלקערונג פון קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן איז 3.5 פּראָצ. יידישע סטודענטן זענען איין פערטל פון אַלע יוריספּרודענץ סטודענטן, 1 פערטל פון אַלע דענטיסטישע סטודענטן, און 22 פּראָצ. פון אַלע סטודענטן וואָס לערנען זיך פאַרמאַקאָלאָגיע. אין די מעדיצינישע שולן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע זענען 16 פּראָצ. אָדער 1 זעקסטל יידן.

די דריי אויבנדערמאָנטע סטאַטיסטישע באַטראַכטונגען זענען ציטירט געוואָרן צו געבן אויף אַ באַשיידענעם אופן אַ בילד פון דעם יידישן אַנטייל אין די פיזישע און ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן און צו העלפן באַשטעטיקן דעם נישט צו באַקאַנטן פאַקט אַז די יידישע וויסנשאַפטסלער פאַרנעמען זייער אַ חשוב'ן אָרט.

איצטער לאָמיר באַטראַכטן דעם איינפלוס פון יידן אין די סאָציאַלע און קולטורעלע אַספּעקטן פון אונזער מאָדערנעם לעבן.

אין דער וועלט ליטעראַטור פון דער מאָדערנער צייט שפּילט דער ייד זייער אַ געהויבענע ראָלע. אין דעם נייַנצנטן י. ה. איז דער איינפלוס נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכער — אויסער דער אַרבעט פון אַזעלכע "שפּיצן" אין דער ליטעראַטור ווי היינריך היינע, לודוויג בערנע, און געאָרג בראַנדעס. עס איז אין די לעצטע 50 יאָר ווען די טעטיקייט פון יידן אין דער וועלט ליטעראַטור האָט זיך געוואַלדיק אַרויסגעוויזן. אין אייראָפּע ווערן מיר פאַרטראָטן דורך אַזעלכע ערשט ראַנגיקע שרייבער ווי איזראַעל זאַנגוויל, אַרטור שניצלער, מאַקס נאָרדאַו, אַנדריי מאַרואַ, מאַרסעל פּראָוסט (וועמעס מאַמע איז געווען אַ יידישע) און דורך די פאַרשידענע דייטשע שריפטשטעלער פון דעם שניט פון סטעפאַן צווייג, ערנסט טאָלער אָדער עמיל לודוויג.

אין אַמעריקע איז דער איינפלוס גרויס, כאָטש קלענער ווי אין דייטשלאַנד. גאַנצע 10 פּראָצ. צום ביישפּיל, פון די פּוליצער פּרייזן פאַר דראַמע און נאָוועלן האָבן געקראָגן יידן, עלמער רייס, לודוויג לואיסאָן, דזשאָרדזש דזשין נייטען, ענדי פערבער, לואיס אונטערמייער, מאָרים סעמועל, וואַלדאָ פראַנק—דאָס זיינען אַ טייל פון די יידישע פאָרשטייער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור!

איינער פון די וויכטיקסטע איינפלוסן אין יעדן ציוויליזירט לאַנד איז דער איינפלוס פון די טעגלעכע צייטונגען. דער יידישער אַנטייל

אין די צייטונגען איז דאָווקע קליין. אָבער אין דער גרינדונג פון די גרויסע צייטונגען און נייעס אגענטורן האָבן יידן געשפּילט א איינ־פלוסרייכע ראָלע.

די ערשטע נייעס אגענטור אין דייטשלאַנד איז עטאַבלירט גע־וואָרן פון דעם יידן, וואָלף. דער "בערלינער טאַגעבלאַט" און דער "פראַנקפאָרטער צייטונג", צוויי וויכטיקע דייטשע צייטונגען, זענען געגרינדעט געוואָרן און פאר א צאָל יאָרן רעדאגירט געוואָרן פון יידן.

דער ייד, רויטער, האָט געגרינדעט אין ענגלאַנד דעם בארימטן "רויטער'ס ניוס איידזשענסי". דער "דיילי טעלעגראַף" איז אויך פאר א צייט געלעגן הויפּטזעכלאַך אין יידישע הענט.

די ראָלע פון יידן אין דעם קאָנטראָל פון דער ניו יאָרק טיימס, וואָסאיז איינע פון די איינפלוסרייכסטע צייטונגען אין אמעריקאַנער זשורנאַליזם, איז שוין באַקאַנט. א ווייניקער באַוואוסטער פאַקט איז דאָס וואָס דזשאָזעף פּוליצער, דער גרינדער פון סט. לואיס "פּאָסט דיספּעטש" און רעדאַקטאָר פון "ניו יאָרק וואָרלד" האָט געהאַט א יידישע מאַמע.

דריי פון די גרעסטע כחות אין דעם איצטיקן אמעריקאַנישן לעבן זיינען אָן שום ספק די מאָווים, די ראַדיאָ, און ספּאָרט. אין אַלע שפּילט דער ייד אַן אנשטענדיקע ראָלע. ווייניקסטנס, 15 פּראָצ. פון די געווינער פון די אַקאַדעמי אַוואָרדס זיינען יידן. עס איז מסתמא נישטאָ קיין איין מאָווי וואָס האָט נישט אָדער א יידישן פּראָדוצירער, דירעקטאָר, אָדער הויפּט ראַליסט.

אויך אין דער ראַדיאָ אינדוסטריע איז דער איינפלוס פון דעם יידן גרויס. דער פּרעזידענט פון דעם "ריידיאָ קאָרפּאָריישאָן אָף אמע־ריקאַ" דייוויד סאַרנאָף, איז א ייד. "קאָלאָמביע בראָדקעסטינג קאָמ־פּאַני", ווערט לויט ארטור קאַמפּטאָנען "קאָנטראָלירט" פון יידן.

אין וועלט פון ספּאָרטס האָט דער ייד ווי אַלע נאַציאָנאַליטעטן זיינע פּארטרעטער—אין בייסבאָל, פוטבאָל, בעסקעטבאָל, באָקסינג, און טעניס שפּילט דער ייד א נשקשה'דיגע ראָליע.

איינע פון די הויפּט טענות פון אונזערע אנטיסעמיטישע "פריינט" האָט צו טאָן מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט פון יידן. עס איז קאָמיש: פון איין זייט ווערן מיר ארונטערגעריסן אלס אָן "איינ־טערנאַציאָנאַלע באַנדע באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן" און פון דער צווייטער זייט אלס א גרופּע באָלשעוויסטישע און ראַדיקאַלע רעוואָ־

לוציאָנערן וואָס טראָגן זיך ארום מיט באָמבעס אין די קעשענעס און ווילן פארכאַפּן די מאכט פון דער וועלט.

די צייט איז צו קורץ אריינצוגיין אין אַן אפּלייקענונג פון די באַשולדיקונגען. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס מיר וועלן זאָגן אַז די צאָל יידישע באַנקירן איז צו גרויס אַז מיר זאָלן קענען זיין אַ פּאָלק פון לויטער רעוואָלוציאָנערן, און פארקערט, די צאָל יידישע ראַדיקאַלן איז צו גרויס אַז מיר זאָלן קענען זיין אַ פּאָלק פון לויטער באַנקירן.

עס איז אמת, אַז יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען; עס איז אמת אַז מארקס און לאַסאַל און טראָצקי און לעאָן בלום זיינען יידן, אָבער עס איז אויך אַזוי אמת אַז קארל פרינטאָל, צום ביישפּיל, איינער פון די שרייבער פון דער רעאַקציאָנערער דייטשער קאָנסטיטוציע פון 1809 איז געווען אַ ייד, אַז דער נאַציסטישער פירער אין דייטשלאַנד, מאַקס נאַמאַן, און זיינע נאָכפאָלגער זיינען געווען יידן. אין אַנדערע ווערטער, יידן אַלס אַ גרופּע זיינען נישט פון איין זייט קאָנסערוואַטיוו און רעאַקציאָנער און זיינען פון דער צווייטער זייט אויך נישט לויטער ראַדיקאַלן. די טענדענץ איז מסתמא אין די ליבעראַלע ריכטונגען.

יידן שפּילן בכלל נישט אַ קאַרדינאַלע ראָלע אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער. אַן אַנאַליז פון דער ראָלע וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע און דייטשלאַנד אין דער צייט פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק, און אויך אין אַנדערע לענדער וועט העלפן צו באַשטעטיקן דעם פאַקט.

דער בייטראַג פון יידן אין דער מוזיק איז זייער אינטערעסאַנט. בנוגע קאָמפּאָזיטאָרס ווערן יידן גוט פארטראָטן אָבער דער בייטראַג איז נישט געוואַלדיק. די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן מיט וועלכע מיר מעגן שטאָלצירן זיינען האַלעווי, מענדעלסאָן, מייערבער, אָפענבאַך, גוסטאַוו מאַהלער, אַרנאָלד שאָענבערג, און ערנסט בלאָך.

עס איז אין דעם טעכנישן דורכפירן פון מוזיק אין וועלכן יידן צייכענען זיך ספּעציעל אויס. פאַר מיר איז טאַקע אַ וואונדער פאַרוואָס אַ פּראָצענט פון די גרעסטע (אויב ניט די גרעסטע) וויאָלין שפּילער אין דער איצטיקער צייט זיינען יידן: האַרוויץ, רובינשטיין, און שנאָבל זענען אונזערע פארטרעטער צווישן די גרויסע פּיאַניסטן. מיר ווערן אויך פיין פארטראָטן צווישן די טשעלאָ ווירטואָזן. צווישן די וויכ־

טיקע דיריגענטן זענען דאָ די יידן ברונאָ וואַלטער, אָטאָ קלעמפּערער, וואַלטער דאַמראָש (וועמענס יידישער נאָמען איז אַמאָל געווען בלוט־קאָפּ) און פּיער מאָנטי. אין דער הינזיכט דאַרפן מיר אויך ניט פאַר־געסן די ראָלע וואָס אַזעלכע יידן ווי דזשאָרדזש גערשווין, אירווינג בערלין, בעני גודמאַן, אַרטי שאָו, און אַנדערע שפּילן אין דער אַמעריקאַנער מוזיק וועלט.

יידן אין דער מאַלעריי איז אַ מער אָדער ווייניקער נייע דערשיינונג וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אין די לעצטע 50 אָדער 75 יאָר. דער ייד מאַקס ליבערמאַן, וועלכן די ענציקלאָפּעדיע בריטאַ־ניקע רופט אָן "איינער פון די צוויי ערשטקלאַסיקע פיגורן אין דייַ־טשער מאַלעריי" איז פון 1917 ביז דעם אָנקומען פון היטלערן געווען דער פּרעזידענט פון דעם "בערלין אַקאַדעמי אָוו פיין אַרטס". דזשאָ־זעף איזראַעלס, איינער פון די באַרימסטע פיגורן אין האָלענדישער מאַלעריי זינט דעם 17טן יאָר הונדערט; אייזיק לעוויטאַן, דער באַ־רימטער רוסישער מאָלער, און אַלפרעד סטיגליץ, וועלכער ווערט פון אַ סך באַטראַכט אַלס דער פּאַטער פון דער מאָדערנער מאַלעריי אין אַמעריקע, זענען אַלע יידן. אַנטאָקאָלסקי, מאַרק שאַגאַל, באַדעליאַני און פיל אַנדערע מאָדערנע מאָלער און סקולפּטאָרן זיינען יידן.

עס קלינגט אַביסל פּאַראַדאָקסאַל צו באַטראַכטן אַנטיילנעמען אין אַ מלחמה אַלס אַ באַשטייערונג צו דער מענשליכער ציוויליזאַ־ציע, אָבער ליידער איז דאָס אַזוי. דער יידישער אַנטיילנעמען אין מלחמה איז פּראָפּאָרציאָנעל אַ ביסל גרעסער ווי דער אַלגעמיינער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין שלום טעטיקייט האָבן זיך יידן ספּעציעל אויסגעצייכנט. צוויי יידן האָבן געקראָגן נאָבעל פּריזן פאַר זייער אַנטיילנעמען אין שלום אַרבעט. איינער פון זיי, אַסער, איז אַפילו געווען פאָרזיצער ביי דעם האַג טריבונאַל". ווען פּופּצן לענדער האָבן אין 1928 אונטער־געשריבן זייערע נעמען אונטער דעם קעלאָג־בריאַנד פּאַקט וואָס האָט געמאַכט מלחמה "אומגעזעצלאַך" (אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקן) האָבן זיי מסתמא ניט געוואוסט אַז דער שרייבער פון דעם פּאַקט איז געווען אַ ייד, סאַלאַמאָן לעווינסאָן (פּאַקטיש, אונזער'ס אַ שיקאַגער לאַנדסמאַן).

עס וואָלט געווען אומגערעכט אויב מיר וואָלטן אין אַזאַ סימ־פּאָזיום וועגן דעם איינפלוס פון יידן אויף דער מענשלעכער ציווי־

ליזאציע כאָטש ניט דערמאָנט, פאַרבייגייענדיק, דעם גרויסן רושם וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער געשיכטע פון מענשלעכן פּראָג־רעס פון פיר זין פון יידישן פאָלק.

אויב מיר וואָלטן דורכגעפירט אַן אנקעטע צווישן די מענטשן וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם גייסטיקן פּראָגרעס פון דער וועלט, וועך לויט זיי, זיינען די 9 אָדער 10 גרעסטע ביישטייערער אין די עקאָנאָמישע, פילאָזאָפישע, פּסיכאָלאָגישע, און פיזישע וויסנשאַפטן אין די לעצטע 75 יאָר וואָלטן אַן צווייפל אין די מערסטע פאַלן דער־מאָנט געוואָרן די נעמען פון קאַרל מאַרקס, הענרי בערגסאָן, זיגמונד פרויד, און אַלבערט איינשטיין.

מאַרקס—וועלכער האָט געלייגט די גרונט־פּרינציפּן פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם; בערגסאָן—דער טשאַמפּיאָן פון אינטואיציע קעגן ראַציאָנאַליזם אין דער פילאָזאָפיע, פרויד, דער פּיאָנער און פאַרטיידיקער פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין אין דער פּסיכאָלאָגיע, און איינשטיין, וועלכער ווערט פאַרעכנט פון א סך וויסנשאַפטלער אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיט ניוטאָן, גאַלילייאָ, און פּאַסקעל—די פיר זיינען אַלע יידן.

וויפיל פון זייער ביטראַג צו דער וועלט איז א רעזולטאַט פון זייער יידישן אָפּשטאַם וועלן מיר אפשר קיינמאָל ניט וויסן. וועגן די לעצטע דריי (ד. ה. בערגסאָן, פרויד און איינשטיין) זאָגט דער שרייבער א. א. ראָבאַק: "עס וואָס זיין געניוס, איצטער, בלויז פּאַרצושלאָגן אַז יעדערער פון דעם גרויסן טרייאומווייראַט, וועלכער האָט באַרייכערט די וועלט'ס אוצרות, איז בלויז א רינג אין א גאָלדענער קייט, וואָס אויף צו להכעיס אַלע פּרואוון דאָס צו פאַרניכטן, האָט זיך געשפּונען אין אַן אומצעבראָכענער ליניע זינט די צייטן פון די פּרעה'ס."

צום סוף, אַנשטאָט א סך הכל, וואָלט איך בעסער געוואָלט אונ־טערשטרייכן וואָס איך גלויב איז דער הויפּט און קאַרדינאַלער אונ־טערשייד צווישן דעם איינפלוס פון יידן אין די לעצטע עטליכע יאָר־הונדערטער און דאָס וואָס יידן האָבן געמיינט פאַר דער וועלט אין די פריערדיקע עפּאָכעס אין דער וועלט געשיכטע.

דער קאַרדינאַלער אונטערשייד, דיינק איך, ליגט אין דעם וואָס דער יידישער ביטראַג צו דער וועלט קולטור אין די פריערדיקע צייטן איז געווען מער דער איינפלוס פון דעם יידישן פאָלק אַלס אַזעלכעס, דאָס יידישע פאָלק אַלס א ספּעציפישע גרופּע מיט אייגנ־

ארטיקע שטריכן, מנהגים, און באגריפן, בשעת דער איינפלוס פון יידן אין דער מאָדערנער צייט איז מערסטנס אן איינפלוס פון יחידים. אין פשוט׳ע ווערטער — אונזער בייטראג ביז אומגעפער דעם 19טן י. ה. איז געווען מער א ספּעציפיש יידישער בשעת אונזער איינפלוס היינט דריקט זיך אויס מער אין דעם איינפלוס פון יחידים, וואָס א דאַנק צופאַל זענען געבוירן געוואָרן יידן.

עס איז טשיקאַווע וואָס צווישן די אַלע מענטשן וואָס מיר האָבן היינט דערמאָנט זיינען די מערהייט פון זיי יידן וועמענס שייכות צו יידישן לעבן אין זייער שוואך. די מערסטע פון זיי וואָלטן מסתמא באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק ווידערהאָלט די ווערטער וואָס טראָצקי האָט געזאָגט צו א יידישע קאָמיסיע וואָס איז אים געקומען זען": "גייט אהיים צו אייערע יידן. איך בין ניט א ייד און איך זאָרג ניט פאר יידן אָדער זייער גורל". און דאָס איז לײדער דער געפיל ביי מערסטע פון די מענטשן וואָס מיר האָבן ערשט באהאנדלט.

דאָך פיל איך אז עס איז דאָ א מין אומבאַגרייפליכע פארבינדונג צווישן די איינשטיינס און די בערגסאָנ׳ס פון דער היינטיקער צייט מיט די ירמיהוס און די עזרא׳ס פון די פארגאנגענע צייטן.

איז נישטאָ א מין אומדערקלערבארע שייכות צווישן דעם ביי־טראג פון מארקס און לאסאל און טראָצקי צו דעם סאָציאליזם, מיט די פריידיגונגען פון די נביאים קעגן סאָציאלער אומרעכט?

איז נישט דאָ א געוויסע פאָרבינדונג צווישן דעם ביבלישן פסוק "זאָלסט ליב האָבן דעם פרעמדן ווי זיך אליין" מיט די ווערטער פון די יידישע פּאָעטעסע עמא לאזארוס וואָס זיינען איינגעקריצט געוואָרן אויף דער סטאַטוע פון פרייהייט: "גיט מיר אייערע מידע, אייערע אָרימע... שיקט זיי מיר די היימלאָזע".

כאָטש מען קען דאָס וויסנשאפטלעך ניט באווייזן גלויב איך אז א פאָלק וואָס האָט די וועלט אזוי פיל באַרייכערט, א פאָלק וואָס האָט אזא לאנגען יחוס בריוו פון משה רבנו ביז איינשטיינען — אזא פאָלק מוז מסתמא האָבן א מין קולטורעלן גורל — אויב איר ווילט — א "גייסטיקע מיסיע".

עס איז א געשיכטלעכער אמת אז דורך דער אָנהאַלטונג און פארשפרייטונג פון אן איינהייטלאכן נאציאָנאלן שטייגער לעבן, וועט זיך דער יידישער בייטראג צו דער מענשליכער ציוויליזאציע קענען פארגרעסערן און פארברייטערן.

משה ווישנער

יהודה הלוי

דער גרויסער געלערנטער און פּאָעט, יהודה הלוי, איז געבאָרן געוואָרן סוף עלפטן יאָר־הונדערט אין דער שפּאַנישער שטאָט טאָלעדאָ. דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט ווען די קריסטן האָבן גענומען די שטאָט פון די מאַכמעדאַנער. כאָטש די קריסטן האָבן געהאַט די מאַכט איז די קולטור אָבער געבליבן אַראַביש און האָט אפילו געווירקט אויף די קריסטן.

אונטער דער הערשאַפט פון דעם אַראַבישן עמיר האָבן זיך די ייִדן געלעבט גאַנץ רואיק. מען האָט זיי ניט פאַרפאָלגט און זיי געלאָזט לעבן אין שלום. די ייִדן האָבן מורא געהאַט אַז אַ בייטונג פון דער מאַכט וועט ניט האָבן קיין גוטע ווירקונג אויף זיי. אָבער ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט זיינען די זאָרגן געווען ניט באַרעכטיקטע, ווייל דער קעניג האָט זיי באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי דער אַראַבישער עמיר. דערפאַר איז די יוגנט פון הלוי ניט געווען פאַרביטערט מיט אומטאָלעראַנץ און דיסקרימינאַציע. ווען ער איז נאָך זייער יונג געווען האָט מען אים געשיקט קיין לוקענא צו שטודירן דעם תלמוד ביי דעם באַוואוסטן תלמודיסט, אלפאסי.

אויב עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך, איז יהודה הלוי געווען אַ "נאַטירלאַכער" פּאָעט. שרייבן לידער האָט ער אָנגעפאַנגען גאַנץ פרי און איז געוואָרן, נאָך אין זיינע יונגערע יאָרן, אַזוי באַוואוסט ווי שלמה אבן גבירל. ער האָט אָבער ניט געמאַכט לידער־שרייבן פאַר זיין פּרנסה, נאָר פּונקט ווי אַנדערע געלערנטע פון זיין צייט האָט ער פּראַקטיצירט מעדיצין.

אין זיינע מיטעלע יאָרן איז ער אַוועק קיין קאָרדאָווא. דאָרט האָט געהערשט זייער אַן אומליבעראַלע רעגירונג פון דער אַלמרביד דינאַסטיע. דער מאַכמאַדאַנישער גלויבן פון די קעניגן איז געווען זייער פאַנאַטיש און מען האָט ניט געהאַלטן פון אַנדערע גלויבנס. בשעת די קריסטן האָבן געהאַט אַן עמפּעראַטאָר צו באַשיצן זייערע אינטערעסן האָט מען אויסגעלאָזט די שנאה צו ייִדן און זיי האָבן געמוזט קויפן זייער לעבן און פרייהייט מיט זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלט. ווען יהודה הלוי איז אָנגעקומען אין קאָרדאָווא האָט מען אים אָנגענומען

אין די העכסטע קרייזן פון פאלאץ־געזעלשאפט ווייל זיין נאמען איז אויך דארט געווען באוואוסט.

אבער זיינע פערזענלאכע פריווילעגיעס האבן אים ניט בלינד געמאכט צו די ליידן פון זיינע ברידער. דאס וואס ער האט געזען אין די יארן וועלכע ער האט פארבראכט אין קארדאווא האט אויף אים שטארק געווירקט ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן אין זיינע לידער.

יהודה הלוי, כאטש ער איז געווען זייער א גרויסער געלערנטער און מסתמא דער בעסטער קענער פון אריסטאטל אין זיין צייט. איז ניט געווען וואס פילאזאפן וועלן רופן א שארפער קריטישער אינטעלעקט. ער האט וועגן דעם אליין געזאגט אז אינטעלעקט איז וויכטיק אין וויסנשאפט אבער עס איז ניט וויכטיק אין באגרייפן וואס מיינט יידישקייט און גאט. א שארפער אינטעלעקט איז ניט וויכטיק ווייל באגעגענען זיך מיט גאט איז אפן בלויז צו די וועלכע געהערן דורך בלוט און טראדיציע צום פאלק און פאמיליע פון די נביאים וועלכע האבן געהאט א פערזענלאכן קאנטאקט מיט גאט און בלויז צו די וואס האבן ליב דאס לאנד פון ישראל וואו גאט האט זיך באוויזן. יהודה הלוי לייקנט ניט וויסנשאפט אינגאנצן ווייל ער זאגט אז וויסנשאפט האט זיך אנגעפאנגען מיט יידן אבער דורך באבעלאניער, פערסיער, גריכן און רוימער איז דער אנהויב פארגעסן געווארן.

איינע פון זיינע וויכטיקסטע ווערק. "כוזרי", באהאנדלט דאס איבערגיין פון די כוזארן, צום יידישן גלויבן. דאס האט פאסירט דריי אדער 4 הונדערט יאר פאר זיין צייט. חסדאי איבן שפרוט האט קארעספאנדירט מיטן קעניג פון די כוזארן אין צענטן יאר הונדערט און ער איז אזוי באקאנט געווארן מיט די פאסירונגען. די מעשה איז אזוי. דער דאמאלסדיקער קעניג האט געחלומט ווי גאט רעדט צו אים און זאגט אים אז ער גייט ניט אין די ריכטיקע וועגן. האט ער צו זיך גערופן א פילאזאף, א קריסט, און א מאכמאדאנער און ער האט אויס געהערט דאס וואס זיי האבן געהאט צו זאגן.

ער האט זיי אויסגעהערט און האט געפילט אז עפעס פעלט און ער האט אויך באמערקט אז ביידע רעליגיעס זיינען געבויט אויף א פונדאמענט פון יידישקייט. האט ער צו זיך אויך גערופען א רבי צו פארשטיין יידישקייט. אט דאס איז די באזע וואס הלוי נוצט פאר זיין אייגענעם פילאזאפישן געשפרעך פון די פארטרעטער פון די פארשיידענע גלויבנס. ער זאגט אז די יידישע ירושה פון דער באשאפונג איז

א רייכע טראדיציע און די פילאזאפן ווי אריסטו האבן געמוזט אויס־טראכטן זייער אייגענע גלויבנס פון זייערע קעפ וועלכע זיינען מענש־לאך פונקט ווי אלע אנדערע טיילן פון זייער קערפער און אויב אזוי זיינען זיי ווייט פון פערפעקט.

דורך די ווערטער פון דעם רבי אין כוזרי ברענגט הלוי ארויס די פאלגענדע דריי קוואליפיקאציעס וואס שטעלן דאס פאלק ישראל אויף א העכערער שטופע פון אנדערע פעלקער.

ישראל, זאגט ער, איז דאס איינציקע פאלק וואס קען ארויסגעבן נביאים וועלכע זיינען צו אנדערע מענטשן וואס דער מענטש איז צו דער חיה. נישט יידן קענען אננעמען די תורה, אבער זיי קענען קיינ־מאל ניט ווערן נביאים. ארץ ישראל איז דאס הארץ פון דער גאנצער וועלט ווייל אלע נביאות וואס זיינען געזאגט געווארן איז אנדערע לענדער האבן א דירעקטן שייכות צו ארץ ישראל, און זייענדיק דאס הארץ, איז עס אזוי ווי דאס הארץ אין דעם מענטשלאכן קערפער וואס פילט טיפער סיי קראנקהייט און סיי געזונטקייט און לעבנסלוסט. זיין דריטער פונקט האט צו טאן מיט העבערעאיש אלס די שפראך אין וועלכע אט די אלע זאכן ווערן און דארפן געטאן ווערן.

נעמען אין באטראכט אט די דריי פונקטן פון זיין גלויבן זעען מיר ווי ער ווערט באהערשט פון א טיפן הארציקן גלויבן אין ליבע פאר (1) זיין פאלק, (2) זיין לאנד, און (3) זיין שפראך.

אין 1140 האט ער פארלאזט זיין געבורטסלאנד און פריינט און ער איז אוועק קיין ארץ ישראל צו פארענדיקן דארט זיינע יארן. מען דערציילט אז זיין שיף איז געטריבן געווארן קיין אלעק־סאנדריא. דארט האט מען אים געבעטן צו באזוכן קאירא און אזוי האט ער געטאן. מען האט אים אויפגענומען מיט פיל כבוד און ער איז שטארק געבעטן געווארן צו פארבלייבן אין מצרים, אבער זיין הארץ האט אים גערופן צו דעם לאנד פון יידן. די געשיכטע גייט אים נאך צו דמשק און טירע אבער דארט ווערט ער פארלארן. היסטאריקער ווייסן ניט גענוי צי ער איז אנגעקומען אין ירושלים צי ניין. אבער די לעגענדע נעמט אויף די מעשה וואו געשיכטע פארלירט זי און דער־ציילט אונדז אז הלוי איז געשטארבן אף זיינע קני, זינגענדיק אין טרערן א ליד פון ציון ווען אז אראבישער רייטער האט אים דארט דער'הרג'עט.

אזוי האט הלוי געלעבט, און אזוי איז ער געשטארבן, מיט הארץ.

און אויב מען וויל אויסגעפינען וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן דאָן און היינט, איז דאָס אַז דער מענטש מוז האָבן האַרץ כדי צו זיין גליקלאַך. זיין קאַמף מיט די ראַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרשטיין גאָט און גערעכטיקייט, מיט קאָפּ, ווייזט דאָס אַרויס. וואָס וועלן די אָ ר ע מ ע אומוויסענדע האָבן פון דעם ל ע ב ן אויב זיי וועלן מוזן קענען לייענען און פאַרשטיין אַריסטאָטל, כדי אָנצוקומען צו גאָט? ער האָט געגעבן דעם אָרעמען פּויער אַ וואַרעמען געפיל און גלויבן און האָבן גאָט אין האַרץ און האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אָרעמען פינסטערן לעבן, אַ ליכט פון גלויבן און גערעכטיקייט ניט דורך פאַרשטיין נאָר דורך פילן. און מיר קענען זיכער זאָגן אַז אויב דער אידעאַל וואָלט געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט, וואָלט די וועלט שנעל געוואָרן אַ סך אַ בעסערער פּלאַץ צו לעבן ווי זי איז איצט.

רייזל שולמאַן

די עמאַנציפּאַציע

ארום דעם סוף פון דעם 17טן יאָר הונדערט, האָט זיך באַוויזן אין איירָאָפּע די וויכטיקסטע מאָדערנע באַוועגונג אין דער יידישער געשיכטע — די עמאַנצעפּאַציע. די באַוועגונג האָט ניט נאָר געבראַכט פּאָליטישע פרייהייט, אין פאַרגלייך מיט פריערדיקע יאָרן, נאָר אויך עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פרייהייט. אין דער זעלבער צייט, וואָס דער אינדיווידועלער ייד האָט זיך בּיסלאַכוויים באַפרייט פו די אַלטע מנהגים וואָס זיינען געווען אויף אים אַרויפגעצוואונגען, האָט די יידישע גרופּע, אַלס אַ געזעלשאַפט, פאַרלאָרן איר מאַכט איבער אירע מיטגלידער. דער איבערגאַנג פון אַ מיטל־אַלטערלעכן געטאָ ייד, צו אַ מאָדערנעם איירָאָפּייער איז געווען זייער שווער. דער שנעלער איבערגאַנגס פעריאָד האָט אַרויסגערופן אַן אומרו פון וועלכע דאָס יידישע פאָלק קען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען.

די צייט איז אויך געווען אַ באַרימטע אין איירָאָפּייאישע געשיכטע—אַ צייט פון מלחמות און שלום אָפּמאַכן, און אין דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די באַפעלקערונג פון גאַנץ איירָאָפּע איז גרעסער געוואָרן. אין פאַרגלייך מיט דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אין די

זעלבע צאל יארן, האט זיך דאס יידיש פאלק פארגרעסערט פינף מאל מער. געוויס איז דורך די יארן געווען פילע פאגראמען אויף יידן, אבער אין פארגלייך צו די מלחמות וואס פלעגן אנגיין אין איירָאפּע, איז דער פארלוסט פון מענטשלעכע לעבנס געווען פיל גרעסער ביי די ניט־יידן.

די יידישע מוטער איז דערצו געווען א געטרייע און דאס לעבן פון א יידיש קינד איז געווען זיכערער. צוליב די, און אנדערע אורזאכן האט זיך דאס יידישע פאלק פארמערט אין גרויסן צאלן. מען האט באדארפט געפינען א פלאץ פאר אזויפיל מער מענטשן. עס האט לאנג ניט גענומען ביז יידן האבן אנגעהויבן אריינצואוואנדערן אין לענדער וואס האבן זיי פריער ניט אריינגעלאזט. אין שוועדן און אין האלאנד האבן זיך אין א קורצער צייט געפונען פיל יידן. אין פראנקרייך האט מען זיי געטריבן פון איין ארט צום צווייטן, אבער זיי האבן זיך באזעצט ארום דעם מיטל־לענדישן ים. געוויינטלאך האט מען זיך אויך באזעצט אין דער ”נייער וועלט.” פריער אין דרומאמעריקע און נאכדעם אין די ענגלישע קאלאניעס, און אזוי פרי ווי 1808, האט מען שוין געקענט געפינען א תלמוד תורה, אין נויארק.

צוזאמען מיט געאגראפישע אויסברייטונג איז געגאנגען די מאכט פון יידישן עקאנאמישן לעבן. די אינדוסטריעלע רעוואלוציע האט איבערגעביטן די וויכטיקייט פון זיין א לאנד־אייגנטימער צו א מענטש מיט געלט. געלט איז איצט געווארן דער הערשער. אינדוסטריע האט זיך ענטוויקלט פון דער הויז־ארבעט סיסטעם צו דער מאדערנער פאבריק. און א מענטש וואס האט געהאט גענוג געלט צו פינאנסירן א גרויסע אונטערנעמונג איז געווארן דער הויפט מאן אין דעם עקאנאמישן און פאליטישן לעבן. געוויינטלאך האט זיך דער ייד גענומען צו געלט אונטערנעמונגען. עס האט ניט גענומען לאנג ביז אלע לענדער אין איירָאפּא האבן דערזען די נויטווענדיקייט פון דער יידישער באנק. אין איטאליע האט דער פאפסט גערופן צוריק די יידן ווען מען האט זיי ארויסגעטריבן. אין 1820 האט דער בירגערמייסטער פון ברעמען געזאגט אז די “הויז פון ראטשילד האט אזא שטארקן קאנטראל איבער געלט אין איירָאפּא, אז עס קען רעגולירן לויט איר ווילן די באוועגונגען פון די גרעסטע איירָאפּייאישע רעגירונגען.” וואו דער ייד האט זיך באזעצט, האט זיין געלט געבויט, און זיי האבן געמאכט פיל גרעסערע ביישטייערונגען ווי זייער צאל דערלאזט.

דעם יידנ'ס ביישטייערונג צו קאפּיטאַליזם איז אַזוי גרויס ווי צום סאָציאַליזם. ער איז געווען דער נביא און דער רבי, מיט זייערע גע־דאנקען פון סאָציאַלע רעכטן וואָס האָט אַנגערעגט פיל יידן צו ווערן מיטגלידער פון ראַדיקאַלע באַוועגונגען מיט זייער ווילן צו אַרבעטן, זייער פעאיקייט צו פאַראייניקן מענטשן און ספּעציעל זייער לאָגיק און טראַכטן האָבן זיי אָפט מאָל צוגעטראָגן ניט נאָר פּראָגראַמען פאַר די מאַסן, נאָר אויך וויכטיקע טעאָריעס. געוויינטלאַך זיינען אויך גע־ווען פילע יידן קעגן סאָציאַליזם. דיזריילי האָט געזאָגט אַז דער ייד איז אַלעמאָל געווען אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש, צוליב זיין פאַרבינ־דונג מיט רעליגיע, אַנדערע האָבן באַוויזן דורך די רעדעס פון די נביאים אַז דער ייד איז אַלעמאָל געווען אַ ראַדיקאַל.

יידישע פירער זיינען מערסטעמס געקומען פון מזרח אייראָפּע. ביסלאַכווייז זיינען פילע פון די ראַדיקאַלע גרופּעס וואָס זיינען געווען געפירט פון יידן געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש. אָבער אין דער מערב וועלט זיינען די יידן געווען פירער פון אינטערנאַציאָנאַלע גרופּעס. אין קורצן, די וויכטיקסטע ביישטייערונגען פון יידן צו סאָציאַליזם זיינען פּונקט ווי די וואָס צום קאַפּיטאַליזם—די אַרבעט פון דעם אינדיווידועלן מענטש, און די אַרבעט אַ חוץ דורך דער 1917 רוסישע רעוואָלוציע, איז דער־פאָלגרייך דורכגעפירט געוואָרן בלויז אין געגנטן פון ווייניקע יידן.

די עמאַנציפּאַציע האָט אויפגעעפנט אַ נייעם קאַפּיטעל אין גע־שיכטע פאַר יידן. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, און די אָפיציעלע עמאַנציפּאַציע פון 1791 האָט ניט געבראַכט אַ גרויסן איבערבייט אין יידישן לעבן. דער פּראָצעס האָט גענומען לאַנג, און עס וועט נעמען נאָך אַ לענגערע צייט צו דערזעען דעם רעזולטאַט פון אַן אמת'ער עמאַנציפּאַציע.

בעסי פייבער

יידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע

די יידישע אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז שוין אַלט איבער צוויי־הונדערט און פופציק יאָר. די ערשטע יידישע אימיג־ראַנטן זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקע נאָך אין 17טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען דעם 16טן סעפּטעמבער פון יאָר 1654. מיט צען יאָר

פריער, איידער די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרכאַפּט העגרי האַדסאָנ'ס ניי־געפונענע טעריטאָריע, איז צום ברעג ים פון דער האָלענדישער קאָלאָניע, ניו אמסטערדאַם, דאָס שפּעטערדיגע ניו יאָרק, צוגעפאָרן א גרויסע שיף מיטן נאָמען "סענט קאַטעינע", וועלכע איז אָנגעקומען פון בראַזיליען. צווישען די פּאַסאַזשירן פון יענער שיף זיינען געווען זיבן און צוואַנציק פּאָרטוגעזישע יידן, וועלכע זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דער דאַמאָלסדיגער אינקוויזיציע. יענע אומגליקליכע יידישע אימיגראַנטן זיינען צוערשט אנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל, קיין בראַזיליע, וועלכע האָט זיך דעמאָלסט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די האָלענדער, מיט אייניקע יאָרן שפּעטער אָבער איז בראַזיליען ארונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון פּאָרטוגאַל, און די דאָרטיגע יידן האָבן דעריבער אויך פון בראַזיליען גענומען אנטלויפן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן. א טייל פון זיי זיינען אוועק נאָך האָלאַנד אויף פאַרשידענע שיפן. 27 יידן אָבער, זיינען צוזאַמען מיט די איבעריגע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף געבראַכט געוואָרן קיין ניו־אמסטערדאַם, די איצטיקע נויאָרק.

די 27 יידן זיינען געווען אזוי אָרעם אז זיי האָבן ניט געקאָנט באַצאָלן פאַר זייער רייזע. און ווען דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט באַריכטעט צו די בעאַמטע פון ניו אמסטערדאַם, אז די יידישע אימיגראַנטן האָבן ניט באַצאָלט פאַר זייער רייזע, האָבן די בעאַמטע גע־פּסק'ענט, אז מען זאָל זיי ארונטערלאָזן פון שיף, נאָר צוויי זאָלן גע־האַלטן ווערן אלס לעבעדיקע משכנות, ביז די איבעריקע וועלן איינ־צאָלן דאָס געלט פאַר אלע 27. די אימיגראַנטן האָבן געקראָגן פון האָ־לאַנד דאָס געלט — נאָך א סך צרות, און זיי האָבן עס איינגעצאָלט צו די באַאמטע, און די צוויי ארעסטירטע יידן זיינען באַפרייט געוואָרן. און דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער אריבערפאָר קיין אמעריקע.

ביז'ן יאָר 1840 האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן אימיגרירט נאָך איינצעלנע יידישע משפּחות פון פאַרשיידענע לענדער. אין יאָר 1848 אָבער, זיינען אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אין אונגארן פאָר־געקומען רעוואָלוציעס און נאָכדעם ווי די רעוואָלוציעס זיינען אונ־טערדריקט געוואָרן, האָבן א סך איינוואוינער פון די דאָזיגע לענדער אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע. צווישן די נייע איינוואַנדערער זיי־נען אויך געווען פילע יידן. ארום און ארום האָבן אין ניו יאָרק אין יאָר 1848 שוין געוואוינט ארום פופצן טויזנט יידן פון שפּאַניע, פּאָר־

טוגאל און אויך פון דייטשלאנד און עסטרייך-אונגארן. פון רוסיש-פוילן פלעגן אין יענע צייטן אנקומען בלויז איינצעלנע יידן. דאס זעלבע אויך פון ליטע, יידן פון טיף רוסלאנד האט מען אין יענע יארן זייער זעלטן געקאנט געפינען אין אמעריקע.

אין דער געשיכטע פון ניו יארק ווערט דערמאנט, אז אין יאר 1854 האבן די דייטשע יידן געעפנט אין ניו יארק די ערשטע יידישע רעפארם-שול אויף דער איסט סייד אין פריטץ האטעל, אין קריסטיע סטריט האבן די יידן פון דייטשלאנד, אפגעקויפט א קלויסטער און האבן עס איבערגעבויט פאר א יידישן רעפארם-טעמפל. דער גאנצער געגנט פון דער איצטיקער איסט-סייד פון ניו יארק איז דעמאלט גע-ווען באוואוינט פון דייטשישע (קריסטן און יידן) און אויך פון איר-לענדישע אימיגראנטן. ערשט מיט יארן שפעטער האבן די פוילישע און ליטווישע יידן פון ניו יארק געשאפן אן אייגענע געטא. די ערשטע געטא איז געווען אויף באיארד סטריט לעבן מארקעט סטריט. אין גאנצן האבן אין דער געטא פון די רוסיש-פוילישע און ליטווישע יידן געוואוינט דעמאלט ניט מער ווי א פאר הונדערט יידישע משפחות.

די גרויסע יידישע אימיגראציע קיין אמעריקע האט זיך אנגעפאנ-גען ערשט אין די אכציקער יארן פון פאריקן יאר הונדערט, גלייך נאך די פאגראמען אין דרום-רוסלאנד. די ערשטע פארטיע פון יענע רוסיש-יידישע אימיגראנטן איז אנגעקומען אין ניו יארק גלייך נאך ראש השנה אין יאר 1881.

לויט די אויסרעכענונגען פון דעם "אמעריקן דזשואיש יאר-בוך" זיינען אין משך פון דעם יאר 1881 אנגעקומען קיין ניו יארק 5692 יידישע אימיגראנטן, אין 1882 זיינען שוין געווען נייע יידישע געטאס אין ניו יארק—אין דער איסט-סייד—וואס די אימיגראנטן פון דרום-רוסלאנד האבן נאר וואס געשאפן. איסט בראדוויי איז שוין דעמאלט ביז א געוויסן גראד געווען א יידישע גאס. דארטן האבן געוואוינט א סך דייטשע יידן און אביסל פון די גאר ערשטע פוילישע יידן, וואס האבן באוויזן זיך ארויפצוארבעטן, און אויסמישן זיך מיט די דייטשע יידן. די מערסטע פון אט די פוילישע יידן זיינען אנגעקומען אהער אין די זיבעציקער יאר פון פאריקן יאר-הונדערט.

א סך פון די יידישע אימיגראנטן האבן זיך גענומען צו פעד-לעריי אלס זייער לעבנס-פארדינסט. ניט אלע יידן אבער זיינען געווען פעדלער. נאך פאר דער גרויסער אימיגראציע פון די יארן 1881-1882,

איז שוין אין אמעריקע געווען א גרויסע צאל יידן בעל מלאכות און פאבריק ארבעטער. צווישן די נייע אימיגראנטן וואס זיינען אנגעקומען אהער אין די אכציקער יארן איז אויך געווען א היבשע צאל בעל מלאכות פון דער היים, עס זיינען אויך געווען צווישן זיי פילע אינטעליגענטע יונגע לייט, וואס זיינען ארויסגעפארן פון דער היים מיט'ן געדאנק צו גרינדן דא אין אמעריקע קאמוניסטישע קאלאניעס און פארנעמען זיך מיט ערד־ארבעט.

די ערשטע אימיגראנטן זיינען געווען אין א שלעכטע לאגע. יעדער איינער האט מיט זיי געקאנט טאן וואס ער האט געוואלט. די שפראך פון לאנד האבן זיי ניט געקאנט, שווער ארבעטן זיינען זיי ניט געוואוינט געווען און הונגעריק זיינען זיי אויך געווען, האט מען זיי געזידעלט און באליידיקט אויף פארשיידענע וועגן. וואס די יידישע אימיגראנטן האבן געהאט אויסצושטיין די ערשטע יארן פון זייער אנקום אין אמעריקע איז שווער צו באגרייפן. געפארן זיינען אלע אהער מיט דער ערווארטונג צו שארן דא גאלד אין די גאסן. אויסגעלאזן אבער, האט זיך אז אלע, אן אויסנאם—האבן געמוזט ארבעטן שווער און ביטער פאר דעם שטיקל ברויט.

אט דאס איז אומגעפער די געשיכטע פון דער אידישער איינוואנדערונג קיין אמעריקע. מיטן לויף פון די יארן, אנהויבנדיק פון די ערשטע יארן פונ'ם 20טן יארהונדערט ביז'ן יאר 1924, ווען די פאראייניקטע שטאטן האט איינגעפירט געוויסע איינוואנדערונגס באגרעניצונגען איז די אידישע אימיגראציע געוואקסן ביז איבער פיר מיליאן, וועלכע נעמען איינטייל אין אלע צווייגן פון דער אמעריקאנער אנטוויקלונג—ווי צום ביישפיל—די בוי־אינדוסטרי, קליידער אינדוסטרי, טעאטער, מוזיק און א רייע אינטעליגענטע פראפעסיעס.

אבער דאס קאפיטל יידישע אימיגראציע איז נאך ווייט נישט פארענטפערט. די איצטיקע וועלט מלחמה האט חרוב געמאכט מיליאנען יידישע היימען אין דעם טייל אייראפע וואס היטלער האט פארכאפט. מיטן פארענדיקן פון דער מלחמה וועלן מיליאנען יידישע אויגן זיין געווענדעט צו די פאראייניקטע שטאטן וועלכע וועט מוזן ליבעראליזירן די אימיגראציע געזעצן, און זיי אריינלאזן.

גראַדואיר קינדער פון די עלעמענטאַר שולן מיט די לערער

אָלבאַני פּאַרק שול

ל. לאסאוויז, לערער

יהודה רעזווין

"בערעלע" פון נ. כאַנין

ס'איז א מעשה פון א יינגל, וואָס איז געבאָרן און איז אויסגע־וואקסן אין א שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד, ווי די מערסטע יידישע יינגלעך האָט ער זיך געלערנט אין א חדר, גאנץ יונג הויבט ער אָן ארבעטן. ס'איז דעמאָלט געווען א שווערע צייט אין רוסלאַנד. דאָס גרויסע לאַנד איז געווען ווי א גרויסע געפיינקעניש, דער צאר און זיינע ארויסהעלפער האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. אין געהיים האָבן די ארבעטער אָנגעפירט פּראָפּאַגאנדע קעגן דעם צאריזם, די געפיינ־קענישן זיינען געווען געפּאקט מיט רעוואָלוציאָנערן...

בערעלען, אזוי הייסט דער העלד פון דער מעשה, איז געפעלן געוואָרן אָט דער קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט, קעגן דעם צאר, גאר יונג טרעט ער אריין אין דער באוועגונג, דאָס לעבן איז פול מיט גע־פאר, אָבער ער האָט איצט א ציל אין לעבן: מען דאַרף ארונטער־ווארפן דעם צאר און איינפירן פרייהייט אין רוסלאַנד פאַר אלע פעל־קער. בערעלע איז אויסגעוואקסן אין אָרעמקייט, בערעלע האָט געזען א סך צרות און ליידן ביי זיך אין הויז און ביי די שכנים, מען דאַרף דערפאר אָפּשאפן אָרעמקייט, אלעמען זאָל זיך לעבן גוט און גליק־לעך. בערעלע, ווי א סך אנדערע רעוואָלוציאָנערן, ווערן געכאַפּט און פארשיקט אין סיביר, ער פארלירט ניט קיין מוט, אים ארן ניט די שוועריקייטן, די באליידיגונגען, ער טראָגט אום מיט זיך דעם גרויסן חלום פון רוסלאַנדס באפרייאונג...

בערעלע אנטלויפט פון סיביר, ער קומט צוריק אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד, און נאָכדעם ווי ער מאכט דורך שווערע צייטן, אנטלויפט ער קיין אמעריקע. בערעלע איז געבליבן אין אמעריקע, ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער יידישער ארבעטער באוועגונג, ער העלפט מיט וואָס ער קאָן. ווי אנדערש דאָס לעבן איז דאָ! מען דאַרף נישט טאָן

זאכן אין געהיים, אמעריקע איז א פריי לאנד אנטקעגן דעם צארישן רוסלאנד. ער געפינט א סך פרייד אין זיין ארבעט, דאָס איז זיין באַלוינונג פאר די יאָרן פון געפיינקעניש און וואָגלעניש. ווען מען לייענט די אלע זאכן, וואָס ס'האָבן געטראָפן מיט בערעלען, מוז מען באוואונדערן זיין מוט, מען איז אים מקנא פאר זיין שטאַרקייט.

עס איז אן אינטערעסאנט בוך "בערעלע"! איך האָב געהאט א סך פארגעניגן דאָס צו לייענען...

אליהו זאלץ

איך דאַרף שרייבן א קאָמפּאָזיציע

דער לערער הייסט אונדז שרייבן קאָמפּאָזיציעס. ער גיט אונדז עטלעכע טעמעס, ער דערקלערט אונדז די וויכטיקייט פון שרייבן א קאָמפּאָזיציע. מיר געפעלן ניט די טעמעס און איך בין אביסל פויל אויך, און ווי איך קוק ארויס דורכן אָפענעם פענצטער, ווייזט זיך מיר אויס, אז איך זיץ אויף א הויכן בארג און קוק פון דאָרטן ארונטער אויף דער וועלט. איך זע מענטשן זיך אומיאָגן איבער גאסן, איך זע אָטאָמאָבילן, טראמווייען אומפאָרן אין גרויס אייל׳עניש, און פון אומעטום הער איך געשרייען: מען דאַרף ארבעטן! מען דאַרף לערנען! מען דאַרף, מען דאַרף! מיר ווערט מיט אמאָל זייער שטאַרק אומעטיק. אפשר דאַרף מען טאַקע, אָבער וואָס איז געוואָרן פון די אלע ארבעטן און פונם לערנען פון די אלע, וואָס פאלן אויפן שלאכטפעלד? ווער וועט זיי געדיינקען? וואָס פאר א ווערט וועלן זיי האָבן אין פופציק יאָר ארום? און אז מען וועט זיי געדיינקען, וואָס וועט "זיי" ארויסקומען דערפון? זיי וועלן מער ניט זען די שיינקייט פון זונפארגאנג, זיי וועלן מער ניט זען דעם וואלד אין פרילינג, זיי וועלן מער ניט זען דעם אויסגעשטערנטן הימל...

א שילער פרעגט א פראגע און איך כאַפּ זיך אויף פון מיין פארטראכטקייט. איצט בין איך צוריק אין קלאס, איך נעם דעם בלייפעדער און שרייב און ווען איך ענדיק — איז דאָס בלעטל פארשריבן. וואָס פאר א נאָמען שטעלט מען ארויף אויבן?

יהודית האַלאַנד

פרילינג

מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויפן פרילינג. איך ווייס נישט צי די גרויסע האָבן אויך געוואַרט אומגעדולדיק אויפן פרילינג, ווי מיר קינ־דער. דער טאָג איז גרויס, מען קאָן אַרויסגיין נאָך אָוונטברויט אין גאַס, די זון פאַרגייט נישט אַזוי שנעל. דער הימל איז בלוי, און דער גאָרטן ביי אונדזער הויז שמעקט מיט אַקאַציע. אויף די גאַסן שפּילן זיך קינדער, פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל קינדער? געזונטע קינדער, בלאַסע קינדער, אַלערליי קינדער. מען לויפט, מען שרייט, מען שפּילט אין באַל און אויף אַלעמען פאַלן די לעצטע שטראַלן פון דער זון...

פון פענצטער זעט מען אַרויסגעשטעקטע קעפּ פון מאַמעס, מיד פון זייער הויז־אַרבעט, קוקן זיי אויף זייערע שפּילנדיקע קינדער און האָבן נחת... עס איז גוט צו זען אַז אייגן קינד פריילעך און מונטער...

אַ קליין מיידעלע, אַן איינגעשפּאַרטס, שרייט אַרויף צו איר מאַמען:

—מאַמע, וואַרף מיר אַראָפּ אַ ניקל אויף אַן אייז־קרים...

די גוטע מאַמע וואַרפט אַראָפּ דעם ניקל און דאָס מיידעלע פאַר־שווינדט אין דער נאָענטסטער קראָם. יינגלעך טראָגן זיך אויף רעד־לעך, איין יינגל האַלט זיך אָן אין דעם רעקל פונם אַנדערן, ס׳איז אַ לאַנגע שנור מיט יינגלעך, זיי מאַכן אַ גרויסן טומל, אָבער מיר ווייזט זיך אויס, אַז קיינער איז נישט בייז אויף זיי, ס׳איז פרילינג!

ס׳איז מעגלעך, אַז עס וועלן נאָך זיין קילע טעג, אפשר וועלן נאָך קומען ווינטן, אָבער עס מאַכט נישט אויס, קיין קעלטן וועלן שוין ניט זיין. דאָס גראָז אין פּאַרק און די גרינע בלעטלעך אויף די ביימער און די פריילעכע פּנים׳ער ביי די קינדער דערציילן, אַז ס׳איז פרילינג אויף דער וועלט...!

מרים פרידמאַן

דער נביא ירמיהו

פון אַלע נביאים איז ירמיהו דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי פיל געליטן(?) עס איז זייער רירנד ווי ירמיהו בעט זיך ביי יהוהן ער זאָל אים ניט "מאכן" פאַר קיין נביא, אָבער וואָס קומט אַרויס פון זיין בעטן זיך? ער ווערט אַלצ־איינס אַ נביא. די צייט איז דעמאָלט זייער אַ שרעקלעכע, די באַבי־לאָנער זוכן צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד יהודה. ירמיהו זעט דעם אונ־טערגאַנג פון ירושלים און ער רעדט צו די מענטשן אין בית־המקדש, אַז אפילו אָט דער טעמפּל וועט צעשטערט ווערן. ווען דער עולם דער־הערט אַזוינע ווערטער ווילן זיי דעם נביא טויטן, קיינער הערט זיך ניט צו צו זיינע ווערטער און וואָרנונגען — ווי קען גאָטס־הויז צעשטערט ווערן? זיי פאַרשטייען ניט, אַז ווען אומגערעכטיקייט און פאַלשקייט הערשן אין לאַנד, האָט דאָס הויז מער גאָט ניט אין זיך...

ירמיהו האָט געזען מיט זיינע אויגן ווי די קליינע יהודה איז אונטערגעגאַנגען, ווי ירושלים איז צעשטערט געוואָרן, ווי דער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, ווי די גרעסטע צאָל יידן זיינען פאַר־טריבן געוואָרן קיין בבל...

ווען דער נביא האָט דערזען ווי די יידן שטייען דערשלאָגענע און פאַרלאָרענע גרייט אָנצוהייבן דעם לאַנגן גלות־וועג, איז זיין ביטערקייט אַוועק, זיין האַרץ איז געוואָרן ווייך און ער האָט צו זיי גערעדט טרייסט־ווערטער און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך נאָך אומקערן אַהיים און זיי וועלן צוריק אויפבויען דאָס לאַנד, אַז אין ירושלים וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן דער טעמפּל און עס וועלן זיך הערן געזאַנג און פרייד אין אירע גאַסן...

ירמיהו האָט געוואָלט בלייבן מיט די אָרעמסטע יידן, וואָס מען האָט דערלויבט צו זיין אין יהודה, כדי דאָס לאַנד זאָל אינגאַנצן ניט חרוב ווערן, אָבער דאָס איז ניט געשען. נאָך דעם ווי איינער פונם קע־ניגס פאַמיליע האָט געטויט גדליהו, דעם דעמאָלדיקן גובערנאַטאָר, האָבן יידן מורא געהאַט, אַז בבל וועט זיי באַשטראָפן, זיינען אַ צאָל יידן

אנטלאָפן קיין מצרים און זיי האָבן אויך מיטגעשלעפּט דעם אַלטן נביא.

ירמיהו איז געשטאָרבן אין מצרים. פערציק יאָר איז ער געווען א נביא ביי יידן, דאָס זיינען געווען שווערע און טרויעריקע יאָרן...

חיה גובערמאן

ליינענדיק מאני לייבס "אַ מעשה וועגן זיך"

אינם קליינעם שטעטל ניעזשין לעבן זיך א מאן מיט א ווייב און ביי זיי זיינען פאראן אכט קינדער. די עלטערן זיינען איינפאכע, ער־לעכע מענטשן, דאָס שטיבל, וואו זיי וואוינען, איז אָן אָרעמס, און וועמען קאָן איינפאלן, אז דאָרטן וואקסט א יידישער פּאָעט?

דער טאטע מיט דער מאמען ארבעטען זייער שווער, זייער יונג הייבן אָן צו ארבעטן די קינדער כדי צו העלפן אין הויז. דערפאר איז שבת־צו־נאכטס אין דעם שטיבל זייער פרייליך, א סך שכנים קומען טרינקען טיי און דערציילן שיינע מעשות.

מאני לייב זאפט איין אין זיך די מעשות, ער און די ברידערלעך און שוועסטערלעך הערן זיך צו מיט אָפענע מיילער, זיי ווילן ניט גיין שלאָפן. אפשר האָבן די אנדערע קינדער פארגעסן די מעשות, מאני לייב האָט זיי ניט פארגעסן, זיי זיינען אים גוט צוניץ געקומען שפּע־טער...

מאני לייב הייבט אָן צו ארבעטן ביי א קאמאשן־שטעפּער, זיין באלעבאָס האָט ליב צו רעדן אין גראמען, אין דער היים, רעדט זיין מאמע אויך אין גראמען ווען זי איז פרייליך, דאָס יינגל נעמט איבער אזא סאָרט רעדן, עס איז פרייליכער אזוי צו רעדן! מען האָט א סך שפּאס דערפון! אויך די גראמען קומען מאַני לייב צוניץ שפּעטער, דערווייל איז זיין באלעבאָס אוועק קיין אמעריקע און האָט איבערגע־לאָזן זיין ווערקשטאָט אויף הפקר. מאני לייב׳ס פאָטער וויל, אז ער זאָל איבערנעמען דעם "שאפ" און אליין ווערן א באלעבאָס.

מאני לייב האלט שוין דעמאָלט ניט פון קיין באלעבאָטים, פאר־קערט, ער אָרגאניזירט די ארבעטער און זיי גייען ארוים אין סטרייק, זעצט מען אריין דעם בחור אין געפיינקעניש. אין געפיינקעניש שרייבט ער לידער, צו די ווערטער פּאסט מען צו א ניגון און מען

זינגט אומעטום זיינע לידער.

ווען ער איז ארויס פון געפיינקעניש, קען ער שוין מער ניט איינזיצן רואיק. ער אינטערעסירט זיך מיטן לעבן פון די ארבעטער, ער איז קעגן דעם צאר, וויל מען אים שוין ווידער ארייגזעצן, אנטלויפט ער קיין אמעריקע...

אין אמעריקע ארבעט ער ווידער ביי קאמאשן און אין די אוונטן שרייבט ער לידער און פאעמעס, א סך לידער און פאעמעס קאנען די קינדער פון דער ארבעטער רינג שול.

לייענענדיק די מעשה, האב איך גלייך געוואוסט, אז די אלע זאכן זיינען געשען ניט מיט קיין אנדערן, ווי נאר מיט מאני לייב'ן אליין.

יאנקל סילווערמאן

וואס איז געווארן פון סעמי'ן?

(לייענענדיק ז. ליבינס מעשה "פארלארן דעם באלעבאס")

ווען סעמי איז ארויס אין דרויסן און האט דערזען, אז זיין באלע־באס איז אוועק און אז ער וועט דארפן קומען אהיים אן דעם קוואדער, האט ער זיך דערפילט זייער שלעכט. ער האט ניט געהאט קיין חשק צו גיין אהיים, וואס וועט דער טאטע זאגן? וואס וועט ער קאנען דער־ציילן?

סעמי איז געגאנגען א דערשלאגענער איבער די גאסן און האט זיך אליין געזידלט פארוואס ער איז איינגעשלאפן אויף די טרעפ, ער איז געווען אזוי מיד! ער האט געפילט דעם רעגן אין אלע ביינער און אין קארידאר איז געווען ווארעם, ער האט זיך צוגעזעצט אויף א ווײלע און ער איז אנטשלאפן געווארן...

מיט אמאל דערזעט ער אין א פענצטער פון א קראם, אז מען דארף א שיק־יינגל. ער גייט אריין און פרעגט דעם באלעבאס צי מען וועט אים צונעמען. דער באלעבאס ענטפערט יא! און הייסט אים קומען מארגן צו דער ארבעט. אבער ווי קומט מען היינט אן דעם קוואדער אהיים? ער קוקט אזוי מאדנע אויפן באלעבאס און שעמט זיך אים דערציילן זיינע צרות.

דער באלעבאס מיינט, אז סעמי האט חרטה און ער וועט ניט קומען, פרעגט ער אים:

—וואָס שטייטמו, יינגעלע, גיי אהיים און קום מאָרגן צו דער ארבעט.

סעמי דערציילט אים די גאנצע מעשה און זיין קול ציטערט פון טרערן. דער באַלעבאָס נעמט ארויס א קוואָדער און גיט עם סעמי'ן און הייסט אים איבערלאָזן זיין אדרעס.

ווען סעמי איז געקומען אהיים איז שוין געווען שפּעט. די מאַמע איז געווען צעשראָקן און דער טאַטע איז געווען בייז, ער האָט אים גלייך געפרעגט, צי ער האָט דעם קוואָדער.

סעמי האָט דערציילט זיינע עלטערן, אז ער האָט געקראָגן א נייע שטעלע און איז יענע נאכט געגאנגען שלאָפן א צופרידענער...

מענדל זאַליץ

אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די "הבונים"

מיט א פּאָר וואָכן צוריק האָבן די "הבונים" פון גאַנץ מיטל־מערב אָפּגעהאלטן דעם יערלעכן צוזאמענפאָר אין מילוואָקי. איך האָב געהאט דעם כבוד צו זיין איינער פון די דעלעגאַטן.

אין דער אמת'ן איז עס געווען מער ווי א צוזאמענקונפט פון יונגוואַרג. מיר האָבן פיל געלערנט פון די לעקציעס און פון די דיס־קוסיעס, מיר האָבן זיך באקאַנט מיטן יונגוואַרג פון אנדערע שטעט, אָבער יונגוואַרג וויל ניט בלויז ערנסטקייט, זי וויל אויך זינגען, טאַנצן און זיין פריילעך, האָבן מיר טאַקע געזונגען, געטאַנצט און פריילעך געווען...

דער פירער פון די "הבונים", משה לעוויז, האָט אונדז דערציילט וועגן אזא סאָרט צוזאמענקונפט פון יידישע יינגלעך און מיידלעך אין פּוילן מיט עטלעכע חדשים צוריק, און אונטער אזוינע אומשטענדן פון וועלכע — מיר, יידישע קינדער אין אמעריקע, האָבן ניט קיין באַגריף. באהאַלטענערהייד איז מען זיך צוזאמענגעקומען מיט דער געפאַר אנטדעקט צו ווערן פון די נאַציס, אָבער זיי האָבן זיך ניט געשראָקן, די ארבעט איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַלע פּינקטלעכ־קייטן, פון א סך שטעטלאך איז מען צונויפגעקומען, מען האָט אויס־געהערט לעקציעס פון די עלטערע חברים, מען האָט געשמועסט, מען

האט אפילו געזונגענע, יא, געזונגען! ווייל זיי, ווי מיר, פילן אז די יידישע יוגנט דארף האבן מוט און וויסן, כדי ווערט צו זען דעם ליכטיקן מארגן, וואס וועט מ ו ז ן קומען פאר אלע פעלקער און אויך פארן יידישן פאלק.

יאנקל טשאם

מיין ליבער זיידע

איך האב געהאט זייער א קלוגן און א גוטן זיידע. איך האב אים שטארק ליב געהאט. איך האב ליב געהאט אים צו זען יעדן טאג. אים פלעגט אויך זיין אנגענעם צו פארברייגנען מיט מיר. מיר זיינען גע־ווען אמת׳ע חברים.

פלוצים איז מיין זיידע קראנק געווארן. ער האט שטארק געליטן. איך געדיינק דאס איז געווען דעם 22טן אפריל, האט ער מיך גע־הייסן אריינרופן צו זיך אין צימער, ער האט מיר א וואונק געטאן איך זאל זיך אוועקזעצן לעבן זיין בעט. ער האט א מאדנעם קוק גע־טאן אויף מיר, ווי ער וואלט זיך מיט מיר געזעגנט...

אין דעם זעלביקן טאג בין איך אליין קראנק געווארן, מען האט מיר אוועקגעפירט אין א שפיטאל, דארט האט מען געמאכט אויף מיר אן אפעראציע, ווען איך האב זיך דערפילט אביסעלע בעסער, האב איך געבעטן גאט איך זאל נאך אמאל קאנען זען מיין זיידן, אבער איך האב שוין מיין טייערן זיידן מער קיינמאל ניט געזען, ער איז גע־שטארבן ווען איך בין געווען אין שפיטאל.

איך וועל אים קיינמאל ניט פארגעסן...

באָגדאַנסקי שול

ב. גראַבאַרד, לערער

עלינאָר מאָרד

דער "אָרט"

אין יאָר 1880, האָבן א קליינע גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון נ. ראַבינאָוויטש דער באַרימטער שרייבער, באַראָן גינזבערג און נאָך עטליכע געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע צו פאַרשפּרייטן מלאכה און אַגריקולטור צווישן די רוסישע יידן. זיי האָבן דער געזעלשאַפט א נאָמען געגעבן "אָרט" דאָס איז אַרויסגענומען פון דריי רוסישע ווערטער וואָס מיינען: "די געזעלשאַפט צו העלפן אַרבעט". די ערשטע צוואַנציק יאָר זיינען געווען שווערע, ווייל די צאַרישע רעגירונג האָט עס ניט געוואָלט לעגאַליזירן. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 איז די געזעלשאַפט רעאָרגאַניזירט געוואָרן. און אין 1914 האָט דער "אָרט" געהאַט מער ווי צוואַנציק אָפּטיילונגען אין די וויכטיקסטע שטעט פון לאַנד.

אין 1921 האָבן די טוער פון אָרט געזען אַז כדי צו קענען העלפן אָרעמע יידן אין אַלע לענדער איז נויטיק צו שאַפן אן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. האָט דער פאַרשטאָרבענער ב. טשאַרני ווּלאַדעק און נ. כאַנין, גערופן א קאָנפערענץ צו אויסברייטערן די הילף פאַר די רוסישע יידן. ביי דעם דאָזיקן מיטינג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פאָלקס געצייג־קאַמפּיין מיט ווּלאַדעק׳ן אַלס פּרעזידענט. כמעט אין יעדן לאַנד פון דער וועלט האָט דער אָרט געגעבן זיין הילף, אַזוי אַז היינט צו טאָג פאַרמאָגט זי איבער הונדערט אָרגאַניזאַציעס און אָפּטיילונגען אין די ווייטסטע פּלעצער ווי אַזיע, אַסטראַליע און אַפריקע אויך.

אין אַלע מיטל־אייראָפּייאישע לענדער אין וועלכע עס האָט זיך געפונען א גרויסע יידישע באַפעלקערונג, האָט די געזעלשאַפט געלערנט די יידן א מלאכה אָדער ערד־אַרבעט, און געהאָלפן זיי אויף יעדן וועג וואָס איז געווען מעגלאַך. זינט 1933 האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט אָנגעפירט אַן אַרבעט וואָס דאַרף איינגעטיילט ווערן אין צוויי פאַזן. איין פאַזע איז באַשטאַנען פון לערנען מלאכה און פאַרמעריי. די צווייטע איז העלפן די אָרעמע פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד. די וועלכע זיינען געבליבן אַז א היים אין דער אַמאָליקער און היינטיקער מלחמה. די פּאָליסי פון לערנען די פּליכטלינגען איז אויסגע־

ברייטערט געוואָרן אינם יאָר 1935, און עס זיינען געעפנט געוואָרן שנעלע קורסן אין וועלכע די מענשן זאָלן וואָס גיכער זיך אויסלערנען אן ארבעט· ווען דער איינפלוס פון די נאַצי־מאַכט האָט אָנגעפאנגען זיך אויסשפרייטן איבער גאנץ אייראָפּע, אין דער צייט ווען אַלע קליינע לענדער האָבן געציטערט, און די דעקלאַסירטע יידן האָבן גוט געוואוסט וואָס צו טאָן אָדער וואו צו גיין, איז דער אָרט גרייט געווען צו טאָן אַלצדינג אין זיין מאַכט צו העלפן· ביז דעם איצטיקן טאָג האָבן מער ווי א האלבן מיליאָן יידן זיך געלערנט אן ארבעט סיי אין די פאבריקן אָדער אין די פעלדער. דער אָרט איז א וויכטיקע אָרגאַניזאציע, וואָס ווערט געשטיצט פון אַלע ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע יידן·

יאַנקעל קריימען

א בריוו

טייערער פריינט:

איך האָב דיין בריף באַקומען· עס האָט מיר זייער ווי געטאָן צו לייענען די טרויעריקע נייעס פון די שלעכטע צייטן וואָס דו לעבסט דאָרטן איבער·

איך בין ניט זיכער אויב דער בריף וועט דיך דערגרייכן, ווייל איך ווייס וואָס עס פּאַסירט אין דיין לאַנד.

איך טראַכט א סך, א סך מאָל פון די לעצטע בריוו וואָס דו האָסט מיר געשריבן, און פון די טרויעריקע פּאַסירונגען פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן וואו מענטשן ווערן געהארגעט יעדן טאָג און נאַכט ווייל זיי זיינען יידן· די פּאַסירונג וואָס איז געווען די שווערסטע צו גלויבן איז ווי אזוי די יידן דאַרפן טראָגן א געלע לאַטע מען זאָל זיי דערקענען אז זיי זיינען יידן. איך ווייס אז די קינדער פון פּוילן קריגן ניט די זאַכן וואָס די קינדער אין אונדזער לאַנד קריגן, זאַכן ווי מילך, פלייש און פרוכט.

איך דענק וועגן דעם מיט ביטערקייט און הארצווייטיק, ווייל איך דענק אז אַלע מענשן פון דער וועלט זיינען באַרעכטיקט צו האָבן די זעלבע זאַכן.

אין דיין לעצטן בריף האָסטו מיר דערציילט אז דיין טאַטע איז

אוועקגעשיקט אין א קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר נעמען אַביסל צופיל ברויט פאַר זיינע קינדער, און איצט האָב איך אַז עס איז ניט צו שלעכט מיט אים.

ניט אַלע מענטשן אין אונדזער לאַנד ווייסן וואָס עס טוט זיך אין פוילן, אָבער מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען צו מאַכן אונדזער וועלט א פרייע און ליכטיקע וועלט פאַר אַלע מענטשן.

מיר שיקן אונדזערע סאָלדאַטן אין אַלע עקן וועלט, מיר שיקן וואָסערע עסנס מיר קענען צו די לענדער וואָס דאַרפן עס, מיר שיקן ביקסן און מאַשינען צו די מלחמה לענדער, און מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען צו שלאָגן די יאַפּאַנער און נאַציס וואָס ווילן אויסראָטן אונדזער פרייהייט, און איך דענק אַז אויב מיר וועלן געווינען די מלחמה, וועלן די יידן פון דער גאַנצער וועלט ווערן באַפרייט פון אַלע אונטערדריקונגען.

איך דאַרף דיר ניט דערציילן אַז דאָס איז דער וואונטש פון יעדן ייד אין דער וועלט, טיף אין אונדזער הארצן ליגט די האָפנונג אַז די וועלט וועט זיין פריי...

און איך ענדיק מיין בריוו מיט די בעסטע וואונשן צו דיר און אַלע פאַרפאַלקטע אַז די באַפרייאונג פאַר מענטשן וועט קומען גאָר אין גיכן.

דיין ניט פאַרגעסער חבר,

יאַנקעל קריימען

העלען זאַפּאָלסקי

משה מענדלסאָן

אין דעם קליינעם שטעטעלע דעסוי אין דייטשלאַנד, איז געבוירן געוואָרן א קינד. זיין טאַטע מענדל דער סופר איז געווען זייער גליק־לעך און האָט אים געגעבן דעם נאָמען משה.

פון קליינווייז אָן איז משה געווען א קראַנקער. ער פלעגט ליגן אין זיין בעט און האָט זיך צוגעקוקט ווי זיין פאָטער שרייבט די תורה. ווען משה איז געוואָרן אַביסל קרעפטיקער פלעגט ער גיין און זיך צוקוקן צו זיין פאָטער'ס האַנטשריפט.

ווען משה איז געוואָרן אַביסל עלטער, האָט זיין טאַטע אים אוועק־

געפירט צו א רב זיך צו לערנען. רב דוד־הירש פרענקל (זיין לערער) און משה זיינען געווארן גוטע חברים. דער רבי האט אים דערציילט א סך זאכן וואס ער וואלט ניט דערציילט אפילו אן עלטערן.

ווען א פאר יאר זיינען אריבער איז רב דוד אוועקגעפארן קיין בערלין. משה האט נאך אים געבענקט. ער האט אזוי געבענקט אז מענדל און זיין ווייב האבן משהן געזאגט אז ער מעג פארן קיין בערלין.

דעם גאנצן וועג קיין בערלין איז משה געגאנגען צו פוס. ער איז געגאנגען פון גאנץ פרי ביז שפעט אויף דער נאכט. ווען עס איז גע־ווארן פינסטער האט ער זיך געלייגט שלאפן אין אפענעם פעלד.

ווען משה איז געקומען קיין בערלין האט ער געדארפט באצאלן דאס גאנצע געלט וואס ער האט געהאט אין זיין קעשענע. ווען מען האט אים אריינגעלאזט איז ער באלד אוועק צו ר׳ דוד׳ן.

ר׳ דוד האט פאר אים געפונען א פלאץ וואו צו וואוינען און אביסל ארבעט. מיט דעם געלט וואס ער האט פארדינט האט ער גע־קויפט א שטיקל ברויט, ווען ער האט געדארפט און אזוי האט ער געלעבט.

א חוץ זיין ארבעט האט משה זיך אויך געלערנט. און געטראכט. ער האט געטראכט פון די יידן אין בערלין, זייער ארבעט, און זייערע וואוינונגען. ער האט פאר זיך אויסגערעכנט אז ווען די יידן אין דער געטא וואלטן זיך אויסגעלערנט ווי צו רעדן אויף דייטש און זיך בא־קענען מיט דייטשן וואלטן זיי געלעבט בעסער און פרייער.

און משה האט זיך אליין גענומען לערנען דייטש. ער האט גע־קויפט ביכער און א גראמאטיק און געזעסן ביז שפעט אין דער נאכט און געלערנט. ווען ער האט זיך אויסגעלערנט דייטש, האט ער געקויפט ביכער און זיך אויך אויסגעלערנט אנדערע שפראכן.

פון זיצן אנגעבויגן און לערנען איז ביי דעם יינגל פון דעסוי געווארן א הויקער. דאס האט אים געמאכט אביסל שעמעדיק.

משה איז געווארן חבר מיט גאטהאלדט אפרים לעסינג, א דייַ־טשער שרייבער. צוזאמען האבן זיי געשטרעבט צו מאכן די יידן און דייטשן פריינטלעכער.

אין דעם יאר 1750 האט משה זיך באקענט מיט זיין ווייב פרומע. פרומע האט משה׳ן ליב געהאט. ער איז קלוג, אבער ער האט א הויקער, דאס האט איר צוריקגעהאלטן פון חתונה האבן מיט אים.

משה האָט איר אָבער דערציילט אין א קליין מעשה׳לע אז ער איז ניט שולדיק פאר זיין הויקער. און פרומע האָט מיט אים חתונה געהאט.

איין מאָל ברענגט לעסינג א בוך צו משה׳ן און בעט אים אז ער זאָל עס איבערלייענען. ווען לעסינג האָט משה׳ן געבעטן זיין מיי־נונג וועגן דעם בוך, האָט משה אים געזאָגט אז ער גלויבט ניט אין אַלץ וואָס דאָ איז געשריבן.

משה האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן א בוך. דאָס האָט אים באַרימט געמאַכט ניט נאָר אין בערלין נאָר אויף דער גאַנצער וועלט.

משה מענדלסאָן האָט ניט פאַרלאָזן זיין יידישקייט און זיין מיי־נונג וועגן ייד און דייטש. ער האָט אויפגעעפנט א שול וואו ער האָט געלערנט מיט די קינדער פון דער געטאָ אנדערע שפּראַכן און פילאָ־זאָפיע. א סך פון די פרומע יידן זיינען געווען אין כעס אויף משה׳ן.

דאָס וואָס משה האָט געלערנט אין זיין שול האָט טאַקע גע־בראַכט ייד און דייטש צוזאַמען. אָבער א סך יידן זיינען אויך אוועק פון יידישקייט. אפילו זיינע קינדער האָבן זיך געשמאַדט. אַלע א חוץ זיין עלטסטער זון, יוסף.

אין דעם יאָר 1786 איז משה געוואָרן זייער קראַנק. ווען משה איז געגאַנגען צום דרוקער מיט זיין בוך, "צו די פריינד פון לעסינג", האָט ער זיך צוגעקילט. נאָכדעם איז ער שוין מער ניט אויפגעשטאַנען פון זיין בעט.

ניט נאָר זיין פאַמיליע און תּלמידים האָבן נאָך אים געוויינט, נאָר אויך פרעמדע פריינד.

אין דעם שטעטל דעסוי וואו דאָס שעמעדיקע קינד מיטן הויקער איז געבוירן געוואָרן האָט מען צונויפגענומען אַלע זיינע זאַכען וואָס זיינען פאַרבליבן און מענטשן פון נאָענט און וויט זיינען עס געקומען אָנקוקן.

מאָטל קאָפּף

מיין באָבע דערציילט מיר

איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואָס מיין באָבע האָט מיר דער־ציילט, עס האָט מיט איר אַליין פּאַסירט אַרום צוואַנציק יאָר צוריק.

"עס איז געווען ארום פינף דרייסיק אין דער פרי, אין מיטן־זומער. די זון איז ערשט ארויסגעקומען, און דער הימל איז געווען טונקל. אין שטאָט איז געווען שטיל. די פי זיינען נאָר וואָס ארויסגעקומען אויף דער פּאַשע. די גאַסן זיינען געווען ליידיק, קיין שום מענש האָט מען ניט געזען. אָבער פון צייט צו צייט האָט מען קאָם געקענט זען אַ פּאַסטוך וואָס טרייבט די פי אין פעלד אריין. פּלוצלונג האָט מען דערהערט שיסעריי און אַ געשריי. עמיצער האָט אויסגעשריען: "עס איז באַנדיטן לויפט", דאַן האָט מיין באָבע געזען ניט נאָר ווי די מענטשן פון שטאָט אנטלויפן, נאָר אויך די רויטע ארמיי אנטלויפט אויך, צוזאַמען מיט זיי איז מיין באָבע אוועקגעלאָפן אין אַן אנדער שטאָט.

אָבער ווידער אַמאָל זיינען די באַנדיטן אויך אין דער שטאָט געקומען, זיי האָבן אויסגעהארגעט טויזענטער מענטשן. ווען די באַנדיטן זיינען אוועק האָט אַ גוטהארציקע פאַמיליע אריינגענומען מיין באָבע. די באַנדיטן זיינען ווידער געקומען, און מיין באָבע האָט געהונגערט. שפּעטער איז גאָר אַן אומגליק געשען, מיין באָבע האָט געקראָגן טיפוס, האָט מיין באָבע געמוזט אוועקגיין אין שפּיטאָל, פאַר זיבעצן טעג איז מיין באָבע אין בעט געלעגן, שרעקלאַך קראַנק, דעם אכצענטן טאָג איז זי געזונט געוואָרן. און דאַן האָט זי ווידער אַמאָל געהונגערט.

איינמאָל איז מיין באָבע געגאַנגען אין שול אריין. און בשעת זי איז דאָרט געווען זיינען די באַנדיטן געקומען. אַלע יידן זיינען געקומען אין שול דענקענדיק אַז די באַנדיטן קענען אהין ניט אריינקומען, אָבער די באַנדיטן זיינען אריינגעקומען. זיי האָבן דערהארגעט אומשולדיקע יידן. איין באַנדיט האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיין באָבע'ן איבער'ן קאָפּ, און שיר איר דעם קאָפּ צעשפּאָלטן. זי איז ווידער אוועק אין שפּיטאָל. נאָכדעם האָט מיין באָבע גענומען אירע זאַכן און איז אוועק אהיים, אויפ'ן וועג האָט זי באַגעגנט מענשן וואָס האָבן איר געזאָגט אַז די באַנדיטן זיינען אין שטאָט. האָט זי געמוזט פאַרבלייבן אין אַן אַנדער שטאָט ביז זי האָט געהערט אַז די רויטע ארמיי איז צוריק אריין אין איר שטאָט, איז זי דרייסיק מייל געגאַנגען צופוס ביז זי איז אָנגעקומען אין איר שטאָט...

יאָ, דאָס אַלץ האָט מיט איר פּאַסירט. אָבער איצט, איצט איז זי זיבעציק יאָר אַלט און איז דאָ אין דעם פרייען אַמעריקע.

נאָרטאָן קעי

וויכטיקע יידן און זייער אויפטו פאַר אַמעריקע

זענט איר אמאָל דורכגעפאָרן איבערן לאַנד און געזען אויפ־שריפטן וואָס לייענען זיך "נאָ דזשוס אָר דאָג'ס אַלאַוד". פאַרוואָס הענגען אַזעלכע אויפשריפטן אויפן וועג? דאָס איז דאָך אַמעריקע! דאָס לאַנד פון פרייהייט, גליק און פרידן, וואו געפייניקטע מענטשן געפינען אהיים פון די ברוטאַלע שונאים.

די מענטשן קומען דאָ און זען "נאָ דזשוז אָר דאָגס אַלאַוד". און פאַרוואָס? האָבן מיר עמיצן עפּעס שלעכטס געטאָן. ניין! מיר האָבן זיי ניט אָנגערירט. און איצט אין דער צייט ווען מיר דאַרפן זיין פאַראייניקט געפינען זיך נאָך די שלעכטע אויפשריפטן איבערן לאַנד.

אַט די מענטשן ווייסן ניט וואָס יידן האָבן געטאָן פאַר אַמעריקע. דערפאַר דאַרפן זיי שטודירן געשיכטע. אין די קומענדיקע פּאַראַגראַפן וועל איך אייך דערציילן וועגן אַ פּאָר וויכטיקע יידן און זייער אויפטו פאַר אַמעריקע.

דער ערשטער ייד וואָס מיר דאַרפן דערמאָנען, איז קריסטאָפער קאָלאָמבוס, וואָס האָט אַנטדעקט אַמעריקע. איר מעגט דענקען אַז קאָ־לאָמבעס איז ניט געווען קיין ייד. אָבער די לעצטע פאָר ביכער וועגן זיין לעבן ווייזן אַז ער איז געווען אַ מאַראַנאָ (אַ שפּאַנישער ייד וואָס מאַכט אָן אָנשטעל צו זיין אַ קריסט, אָבער וואָס לעבט אין גע־היים ווי אַ ייד). און די געלט וואָס ער האָט געדאַרפט דעקן די קאָסטן פון קאָלאָמבוס'עס רייזע האָט מען גענומען פון די יידן וואָס טערקוואָ־מאַדאָ האָט געהאַרגעט אין דער בארימטער שפּאַנישער אינקוויזיציע. און אויך אַ סך געלט איז געשאָפן געוואָרן דורך רבי יצחק אַבּאַרבאַנעל, אַ באַרימטער יידישער פירער.

אַ גרויסע טייל פון קאָלאָמבוסעס מענער זיינען געווען יידן, און דער ערשטער מאַן וואָס האָט באַטראָטן די ערד פון אַמעריקע איז גע־ווען אַ ייד.

דער נעקסטער ייד וואָס מיר דאַרפן דערמאָנען איז חיים סאַלאָמאָן אַ פּליטלינג פון פּוילן. ער האָט געגעבן גענעראַל וואַשינגטאָן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און דאָן איז ער געגאַנגען פון הויז צו הויז בעטן געלט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה. סאַלאָמאָן איז ניט געווען אַ גע־

זונטער, און די שווערע ארבעט האָט אים קראַנק געמאַכט און פון דער קראַנקייט איז ער געשטאָרבן.

ווען אַט די מענטשן ווייסן אַלע, אָבער ווער ווייס פון אַפיצערס ד'לאַמאַטאַ און דיליאַו וואָס האָבן גענומען דעם טויטן קערפּער פון קאָשוסקאָ ווען ער איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, אָדער ווער ווייסט אַז אַ האַלבער רעגימענט יידן, האָבן פּאַרטיידיקט טשאַרלסטאַון קעגן צוויי טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן.

ווען בענעדיקט אַרנאָלד איז געוואָרן אַ פאַררעטער פון לאַנד האָט ער געפרעגט אַ סך פון זיינע אָפיצערן צי זיי ווילן אויך ווערן פאַררעטער פון לאַנד, אָבער ער האָט ניט געפרעגט אָפיצער פראַנקס, אַ ייד, צי ער וויל אויך איבערגיין צו די ענגלענדער, ווייל ער האָט גע־וואוסט אַז פראַנקס וועט אים נעמען צום קאָנגרעס און ס'וועט זיין זיין סוף.

עס זיינען פאַראַן טויזנטער יידישע העלדן וואָס איך האָב ניט דעם פּלאַץ צו דערמאָנען. איר מעגט דענקען אַז מיר האָבן ניט קיין סך העלדן, אָבער געדענקט אַז מיר האָבן איין ייד צו אַרום 1000 קריסטן. און לויט דער פּראָפּאָרציע האָבן מיר מער העלדן ווי די קריסטן.

מיר האָבן אויך געהאַט דריי סופרים קאָורט ריכטער, און זיי זיינען בנימין קאַרדאָזאָ, לואיס ד. בראַנדייס און פעליקס פראַנקפור־טער. איינער פון די אַרבעטער פירער אין רוזוועלט'ס קאַבינעט איז סידני הילמאַן. געדענקט, אַז די וואָס איך האָב דערמאָנט זיינען בלויז אַ פּאָר.

און די מיאוס'ע אויפשריפטן קומען פון עם הארצות און איגנאָ־ראַנץ, ווען מענטשן וועלן מער פאַרשטיין און טיפער פילן וועט די וועלט, ליכטיקער, טאָלעראַנטער און שענערער ווערן. דאַן וועלן מענטשן לעבן ווי ברידער.

מינדעלע מאַלין

אַ בריוו צו מיין קוזינע אין פּוילן

מיין טייערע קוזינע לייעלע:

וואָס מאַכסטו? זע נאָר וואָס פאַר אַ נאַרישע פראַגע איך פרעג. ווייס איך דען ניט וואָס עס טוט זיך ביי אייך אין דער געטאָ? אַט זיינען מיר יונגע קינדער. קענען מיר פאַרגלייכן אונדזערע לעבנס?

דאָ אין אַמעריקע בין איך פריי צו טאָן וואָס איך וויל, זיך שפּילן אין פּאַרק און אין גאַס, און אַזוי זיך שפּילנדיק, גייט מיר דורך געדאַנקען פון דיר, מיין טייערע קוזינע, ווי אומגליקלעך דו ביסט וואוינענדיק אין דער געטאָ. און עס איז טאַקע אַ שרעק, ווען מען באַטראַכט זיך אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזעלכע שלעכטן מענטשן וואָס ווילן נאָר אומברענגען, מאַכן יענעם צו ליידן, צו הונגערן.

איך שטעל זיך פאָר ווי דו ווילסט אַרויסגיין פון געטאָ, נאָר דו האָסט מורא, ווייל דו געדענקסט ווי דיינע חברים זענען אַרויסגעגאַנגען און ווי די דייטשן האָבן דערזען די געלע לאַטעס און אָנגעהויבן צו שלאָגן די פאַרציטערטע קינדער, און ווי זיי זיינען געקומען צוריק, פאַרבלוטיקטע, פאַרכאַלעשטע.

און איך קען זיך אויך פאַרשטעלן ווי דיין טאַטע גייט אַרבעטן אין די בלאָטעס און ער קומט צוריק אַ פאַרהונגערטער, אַ צעשלאָגע־נער, און דערציילט ווי זיי שלאָגן אים מיט די קאַנטשיקעס און גיבן אים ניט קיין עסן, און ווי ער אַרבעט אַזוי שווער, און קריגט אַזוי ווייניק.

איך קען דיך זען ווי דו שלאָפסט מיט צען, אָדער צוועלף אין איין קליין צימער, מיט אַ קליינעם פענסטער. און ווי עטלעכע שלאָפן אויף די טרעפּ, אַפילו אין קאַלטע, נאַסע נעכט.

יאָ, סאָ'יז ביטער. אָבער מען מוז זיין שטאַרק, מיר דאַרפן שלאָגן די ווילדע חיות וואָס מאַכן אונדזער לעבן אַזוי ביטער. מיר וועלן גע־ווינען די מלחמה. זיי קענען אונדז מאַטערן, אָבער צום סוף וועלן מיר געווינען און איין זאַך מוז מען, און מען קען אַלע מאָל האָבן, האָפנונג.

דיין קוזינע, מינדעלע מאַלין

ראַשקע קוזנעץ

די שטורמאַ

איך בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי גערירט אין מיין יונגן לעבן, ווי ווען איך האָב געלייענט אין צייטונג, די נעמען פון די קרבנות וואָס זיינען אומגעקומען אויף דער שטורמאַ. עס האָט מיך אַרומגענו־מען אַ שוידער ווען איך האָב געזען אין דער צייטונג מער ווי דריי קאָלומס בלויז דערמאָנען פון יעדן קרבן דעם ערשטן און צווייטן

נאָמען און ווי אַלט ער איז. איך האָב זיך נישט דערלויבט איבערצו־ ציילן די צאָל פון די קרבנות, ווייל עס האָט מיר געריירט ביז טרערן.

איך האָב געלעזן אז דער עלטער פון די געשטאָרבענע איז 12, 14, 15, 18 א. אז. וו. וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן מיט רעכט צו גע־ ניסן פון אלעם גוטן. און אפשר וואָלט א גרויסע צאָל פון זיי זיכער צוגעטראָגן צו דער מענטשלעכער ציוויליזאציע ווי א פּרץ, מענדעלע, א שלום עליכם אָדער גאָר ווי א מייער בער, אָדער אן ערנסט בלאָך.

די משוגעת פון בלוטיקע טיוואַלים אין מענטשלעכע געשטאַלטן טרייבן די וועלט און פארניכטן די יונגע בלומען וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס גענומען צעבליען. אָבער מיט זייער אומקומען זאָלן מיר יידן נישט ארונטערפאלן ביי זיך. דער טאָג וועט קומען, ווען די הענ־ קער און מערדער וועלן דאַרפן קומען צו דעם יום הדין.

שיינדל בריקמאַן

א שרעקלעכער איינדרוק

מיר נעמען אויף אין קלאַס אַלערליי וויכטיקע נייעסן, וואָס טרייסלען אויף און מאַכן טרויעריק. מיר לייענען און לערנען וועגן די שרעקלעכסטע ברוטאַלע מעשים פון די נאַצים און יאַפּאַנער, אָבער קיין פּאַסירונג האָט אויף מיר ניט געווירקט אַזוי שוידערלעך ווי דאָס אונטערגיין פון דער "שטורמא" מיט 159 יידן. איינער פון די פּאַ־ סאַזשירן איז געבליבן לעבן ווי דורך א נס. אין דעם אומגליק איז שולדיק די גאַנצע וועלט. עס קאָן זיין, אז דאָס האָט מיך אויפגע־ שוידערט, וואָס ניט די דייטשן זיינען שולדיק, נאָר אַלע אַנדערע.

וואָס האָט געטראָפן? אומגליקלעכע יידן פון רומעניע און אונ־ גאַרן האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון טויט, האָבן זיי נאָך פיל צרות און ווייטיק זיך דערשלאָגן צו וויזעס און האָבן זיך אריינגעפּאַקט ווי הערינג אין אן אַלטער שיף צו פאָרן קיין ארץ ישראל, אָדער וואוהין די אויגן וועלן זיי טראָגן. חדשים לאַנג זיינען זיי ארומגעפאָרן פון איין האַפן אין אַנדערן. און קיין לאַנד האָט זיי נישט געוואָלט אריינ־ לאָזן. נישט ענגלאַנד, נישט טערקיי און נישט אַנדערע. זייער געשריי איז געגאַנגען און זיך געטראָגן איבער דער וועלט, און קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט איינגעשטעלט. אפילו נישט אמעריקע, ביסלעכווייז זיי־ נען א סך פון זיי געשטאָרבן פון מגפות, הונגער און צרות. ביז שפּע־

טער איז די שיף אויפגעריסן געוואָרן פון א מינע און אַלע א חוץ איינער זיינען געשטאָרבן.

די "שטורמא" וועט לאַנג בלייבן א שרעקלעכער פאַרברעכן אַפן געוויסן פון דער מענטשהייט.

אסתר באדין

דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור

דעמאָקראַטיע מיינט פרייהייט, פרייהייט פון וואָרט, רעליגיע, פרייהייט צו אויסקלייבן אַ פירער און א רעגירונג. דאָ אין אמעריקע האָבן מענטשן פרייהייט און דעמאָקראַטיע. דאָ אין אמעריקע האָבן עלטערן א רעכט צו דערציען און לערנען זייערע קינדער, ווי אַזוי זיי ווילן. די בירגער אין פרייע, דעמאָקראַטישע לענדער קענען גלויבן אין וועלכע רעליגיע זיי ווילן, די רעגירונג שטערט זיי נישט צו זיין פריינטלעך מיט מענטשן פון אנדערע גלויבנס. די בירגער האָבן אפילו א רעכט צו קריטיקירן די באאמטע פון דער רעגירונג.

מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער קענען האנדלען און פירן געשעפטן צווישן זיך, אומגעשטערט. מיר זיינען שטאָלץ צו זיין גוטע אמעריקאַנער און האָבן דעמאָקראַטיע.

דיקטאַטור האָט ניט קיין פרייהייט, און מען דאַרף טאָן וואָס דער פירער הייסט, אויב איר ווילט לעבן. ס'איז זייער שלעכט צו לעבן אונטער א דיקטאַטור, ווייל אין די פאַשיסטישע לענדער, איז דאָס לעבן פון די בירגער נישט אין זייערע אייגענע הענט. דאָרטן, אין יענע לענדער צווינגט די רעגירונג די עלטערן צו דערציען זייערע קינ־דער אין פאַשיסטישן גייסט און פאַרשפּרייטן האַס צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע גלויבנס. דאָרטן קאָן מען אַרעסטירן א מענטשן אין מיטן נאַכט און אים אַריינזעצן אין קאָנצענטראַציע לאַגער אָדער אפילו פאַר'משפּטן צום טויט און ער זאָל אפילו נישט וויסן פאַרוואָס. די נאַציס פאַרבאָטן זייערע בירגער צו האנדלען מיט יידן.

די יידן אין דייטשלאַנד זיינען פאַרשקלאַפט און ווערן פאַרפאָלגט, זיי קענען נישט אַרבעטן און האנדלען מיט די דייטשן.

די וועלט וועט ניט זיין א גוטע, אויב דיקטאַטור וועט געווינען די מלחמה. מיר דאַרפן און מוזן טאָן אַלץ וואָס מיר קאָנען, וואָס נאָר מעגלעך צו געווינען די מלחמה פאַר די דעמאָקראַטישע לענדער.

עלים קעי

די באָבע דערציילט

ווען איך בין א קליין קינד געווען פלעגט מיין באָבע מיר דער־ציילן מעשה׳לעך ווען איך בין אין בעט געלעגן. וואָס איך האָב אָמ־מערסט געגליכן איז די פרוי און דער דאָקטער, וואָס איך וועל אייך איצט דערציילן.

אן אַלטע פרוי, איז געוואָרן בלינד און האָט געשיקט נאָכן דאָק־טער. זי האָט אָפּגעמאַכט מיט אים, אז אויב ער וועט איר צוריק מאַכן זעענדיק, וועט זי אים באַצאָלן א סך געלט. אויב נישט, וועט זי אים ניט באַצאָלן. פאַר דריי מאָנאטן צייט האָט ער איר געגעבן רע־צעפּטן. אין דער צייט וואָס דער דאָקטער האָט איר געהיילט, האָט ער גענומען קליינע זאַכן פון שטוב. צום לעצט, האָט ער איר גע־מאַכט זעענדיג. אָבער זי האָט אים ניט באַצאָלט.

ער האָט זי גענומען אין געריכט. דער ריכטער האָט איר געפרעגט פאַרוואָס זי וויל ניט באַצאָלן. האָט זי געענטפערט, איידער איך בין בלינד געוואָרן, האָב איך געזען זאַכן אין שטוב, אָבער איצט זע איך זיי מער נישט.

דער ריכטער האָט באַשטראָפט דעם דאָקטער מיט הונדערט דאָלער.

דאָגלאַס פּאַרק שול

ר. קאפּלאַן, לערער

חנה רחל באכראך

מיין ארבעטער רינג שול

איך בין אנגעקומען אין דאגלאס פארק ארבעטער רינג שול אין הארבסט 1936. איך בין דאן אלט געווען ניין יאר. שוין דעם ערשטן טאג וואס איך בין געווען אין שול האב איך זיך אויסגעלערנט לייענען יידיש. גלייך נאך דער ערשטער לעקציע בין איך אהיים געלאפן כדי מיין פאטער זאל מיר ארויסהעלפן אין מיין ארבעט. מיין לעבן האט אנגעפאנגען צו האבן פאר מיר א נייעם אינהאלט.

איך ווייס אז דער אויסדרוק "אן אינהאלט אין לעבן" קלינגט מאדנע ווען עס זאגט דאס א קינד אין מיינע יארן אבער, איך מיין דאס גאנץ ערנסט, און אט פארוואס:

די מערסטע יידישע קינדער נעמען אן דעם פאקט דאס זיי זענען יידן ווי א נאטירלאכע דערשיינונג. זיי זאגן אז זיי דארפן גארניט וויסן ווען יידן, עס איז גענוג אז זיי זענען יידן אין הארצן. איך האב אויך אין אנהויב אזוי געמיינט אבער ביסלאכווייז האב איך זיך באקענט מיט יידישער געשיכטע, מיט יידישער ליטעראטור, מיט'ן יידישן לעבן און מיט'ן קאמף וואס יידן פירן אז דורך זייער גאנצער געשיכטע פאר א פריי און זעלבסטשטענדיק לעבן. איך האב מיטאמאל, איינגעזען אז פון דער שקלאפעריי וואס יידן האבן געליטן פון פרעה'ן אין מצרים ביז היינט אונטער היטלערן איז איין לאנגע קייט פון אונ־טערדריקונג און פיין און לײדן. איך פיל איצטער, נאכדעם ווי איך האב זיך באקענט מיט יידישער געשיכטע א טייל פון אט די ליידן און אויך דעם שטאלץ וואס דאס געפיל פון א קינד פון אן אונטערדריקט פאלק טראגט מיט זיך. איך פארשטיי אז זיין א ייד אין הארץ אליין איז ניט גענוג, מען דארף פריער פארשטיין פארוואס און ווי אזוי דאס איז אלץ געשען.

יא, איך האב זיך טיילווייז באקענט מיט פארשיידענע עפאכעס פון יידישער געשיכטע. איך האב געלערנט ווי אזוי די יידן זענען פארטריבן געווארן אין בבל, ווי אזוי זיי האבן געלעבט אונטער די פערסיער און שפעטער אונטער די גריכן און די רוימער. לעצטנס לייענען מיר, אין די היסטארישע געשטאלטן וואס די ארבעטער רינג

ניע. איך טראַכט צו זיך וואָס ווייסן אַמעריקאַנער יידישע קינדער פון ביבליאָטעק האָט אָפּגעדרוקט, וועגן דעם לעבן פון די יידן אין שפּאַ־יידישן לעבן אַז זיי קענען אפילו ניט די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

צווישן אַנדערע לימודים האָבן מיר אין אונדזער שול געלערנט ליטעראַטור, געזאַנג, וועגן אַרבעטער פּראָבלעמען, סאָציאַלע פּראָב־לעמען, דעקלאַמירן, פאַרלייענען און קלוב אַרבעט. מען קען זאָגן אַז מען האָט געטאָן אַלץ מיט אונז כדי אונז צו אַנטוויקלען אַלס בעסע־רע מענשן, באַקענען אונז מיט די פּראָבלעמען פון לעבן.

ס׳איז אויך אינטערעסאַנט ווי אַזוי די לערער קלייבן אויס קינ־דער וואָס האָבן עפּעס אַ ברעקל טאַלאַנט צו שפּילן, דעקלאַמירן, רעדן און זיי העלפן זיי זיך אַנטוויקלען, דאָס מיינט, קענען אַרויסגיין און שטיין פאַר אַן עולם און ניט פאַרלירן זיך.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט גליקלאַכע זעקס יאָר אין דער אַרבע־טער רינג שול און איך האָב אַ סך געלערנט.

ראָבערטאַ מוטשניק

צו עלטערן

דעם בריף שרייב איך צו אַלע טאַטעס און אַלע מאַמעס פון יידישע קינדער.

טייערע פריינט:

איך וויל אייך איבערגעבן אין קורצן וועגן מיין באַזוך אין דער אַרבעטער רינג שול.

מיט אַ זעקס יאָר צוריק האָט מיר מיין טאַטע פאַרשריבן אין אַרבעטער רינג שול. איך בין אָפּגעגאַנגען פיר־פינף וואָכן און איך האָב פאַרלוירן מיין אינטערעס.

אַ יאָר איז אַוועקגעגאַנגען און איך בין ניט צוריקגעגאַנגען אין שול. מיטאַמאָל האָב איך איינגעזען אַז כמעט אַלע מיינע פריינט גייען אין שול, דאָס האָט געווירקט אויף מיר אַז איך זאָל זיך אומקערן.

ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך צוריקגעוואונען מיין אינ־טערעס אין דער אַרבעט. דעם ערשטן יאָר האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ווען איך בין אָנגעקומען אין צווייטן קלאַס האָט

די ארבעט זיך ארויסגעוויזן א סך אינטערעסאנטער כאָטש עס איז געווען אביסל שווערער. דאָ האָבן מיר שוין געלייענט אינטערעסאַנטע שיינע מעשות און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צו באקענען מיט דער געשיכטע פון׳ם יידישן פאָלק.

מיר האָבן אויך אָנגעהויבן אויסלערנען אויף אויסווייניק יידישע פּאָעמעס און מיר פלעגן זינגען לידער און דורכפירן פיינע קאָנצערטן.

אין דריטן קלאַס איז די ארבעט געווען נאָך אינטערעסאנטער אָבער אויך שווערער. מיר האָבן זיך אָבער געלערנט מיט מער אינטערעס, ווייל מיר האָבן געפילט אז מיר לערנען זיך ניט נאָר א שפּראַך נאָר מיר ווערן פארשטענדיקע מענשן.

אזוי זענען געגאַנגען די יאָרן און מיר האָבן זיך געלערנט אלץ ווייטער און ווייטער און מיר האָבן זיך אויך באַקענט מער מיט׳ן געזעלשאפטלאכן לעבן, מיט פארשיידענע פּראָבלעמען און איצטער, היינטיקן יאָר פארענדיקן מיר שוין די שול.

צו די מאַמעס און צו די טאַטעס וועלכע האָבן קינדער פון שול עלטער וויל איך זאָגן: שיקט אייערע קינדער אין ארבעטער רינג שול וואו זיי וועלן זיך אויסלערנען צו זיין נישט נאָר באוואוסטזיניקע יידן נאָר אויך אנטוויקלטע מענשן מיט א פיינעם בליק אויפן לעבן.

זעלדע לאַזאַרסאָן

די איצטיקע צייט

די איצטיקע צייט וואָלט מען געדארפט רופן די צייט פון טרערן, פון מלחמה. עס איז די צייט פון שווערער פּיין פון ביטערקייט פון... פון טויט. מיר ווינשן אַלעמאָל, ביי יעדער געלעגנהייט, אז עס זאָל שוין קומען א סוף צו דעם, עס זאָל שוין אויפהערן, שוין גענוג זיך אָנגעליטן, זיך אָנגעוויינטיקט. די וועלט האָט שוין געזען גענוג בלוט פארגיסונג און פּיין, יאָ! עס איז שוין פּשוט ניט צום איבערטראָגן.

שטעלט זיך פאָר, איר גייט אויף א שפּאַציר אויף א גאַס אין לאָנדאָן, מיר זעען א וואַנט, דורכגעלעכערט. דאָס איז אמאָל געווען א הויז, מענשן האָבן דאָ געוואוינט, א פאַמיליע אוודאי, ס׳האָט,

מסתמא געהערשט דאַ פּריילאַכקייט, וואָרעמקייט אינווייניק. איצטער איז א שאָטן פון אמאָל. מיר גייען ווייטער אויף דער גאס. מיר זעען קינדער שפּילן זיך אָבער זיי זיינען ניט פריילאַך, זייערע עלטערן זענען אומגעקומען פון א דייטשער באָמבע.

אויף דער צווייטער זייט גאס זיצן עטלאַכע מענשן אין א ווינקל און וואָרעמען זיך ארום א פייער וואָס זיי האָבן צעליינגט. זיי האָבן אויך פארלוירן זייערע היימען און אייניקעל, זייערע נאָענטסטע אין א באָמבע אטאקע.

ווייטער אביסל זעען מיר יידישע קינדער וועמענס עלטערן זענען פארשפּארט אין א קאָנצענטראציע קעמפּ אין דייטשלאנד און די קינדער האָבן זיך קוים געראטעוועט מיט'ן לעבן. זיי ווייסן גאָרניט וואָס סע קומט פאָר מיט זייערע עלטערן און דערפאר קענען זיי איינגאנצן ניט שמייכלען.

עס איז א שוידער צו טראכטן וואָס גוטע און ערענטלאַכע מענשן לעבן איצטער דורך אויף דער וועלט.

מיר וואַרטן אלע מיט גרויסער אומגעדולד אויף דעם טאָג ווען די מלחמה וועט געוואונען ווערן פאר די דעמאָקראטישע פעלקער און שלום און פרייהייט וועלן איינגעשטעלט ווערן אויף דער גאנצער וועלט און מלחמה זאָל זיין א געשעעניש וואָס זאָל אינגאנצן פארגעסן ווערן.

רבקה דיימאָנד

אַן אָפענער בריוו

חשוב'ע פריינט:

איך וויל אייך איבערגעבן אין עטלאַכע ווערטער מיין בליק אויף דער ארבעטער רינג שול אוואו איך האָב פארבראכט פינף יאָר פון מיין לעבן און אויך וואָס איך האָב דורך דער צייט געלערנט.

די יידישע שול האָט מיר געגעבן זייער א סך. ווען איך בין אריינגעקומען האָב איך נישט נאָר ניט געקענט קיין יידישן אות, נאָר גאָר נישט געוואוסט וועגן יידישן לעבן. דורך דער שול האָב איך זיך באקאנט מיט פארשיידענע צווייגן פון יידישן לעבן, מיט יידישע געזעלשאפטלאַכע אינסטיטוציעס טאקע ווי דער ארבעטער רינג א.

אז. וו. איך האָב זיך אַנטוויקלט אין דער יידישער שפּראַך און דאָס וועט בלייבן מיט מיר פאַר מיין גאַנץ לעבן. דורך דער יידישער שפּראַך און דורך דער יידישער ליטעראַטור אויף וויפיל איך האָב געלערנט האָב איך זיך דערנעענטערט צו מיין פאָלק.

איך שאַץ זייער אָפּ דאָס וואָס איך לעב אין דעם פרייען לאַנד אַמעריקע און איך קען זיך לערנען די שפּראַך פון יידישן פאָלק. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די מענשן וואָס האַלטן אויף די אַרבעטער רינג שול אַ וואו איך לערן זיך, די בילדער אויף די ווענט, די לערער, אַלע זענען מיר טייער.

איך באַדאַנק אַלע וועלכע שטייען אַרום דער שול און העלפן אין דער אַרבעט און גיבן אונז קינדער די מעגלאַכקייט זיך צו באַ־קענען מיטן יידישן לעבן. איך האָף אַז אינגיכן וועט די וועלט ווי־דעראַמאָל זיין אַ פרייע.

איציק פאַרבער

מיין ברודער איז אין דער אַרמיי

ס'וואַקסט און ס'ווערט גרעסער אונזער אַרמיי. זי וואַקסט און ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. מיר מוזן ווערן שטאַרקער כדי צו שלאָגן אונזערע שונאים, די יאַפּאַנער און די נאַציס. זיי האָבן אונז אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין זייט: בשעת מיר האָבן פאַרהאַנדלט וועגן פרידלאַכע פּלענער מיט זייערע פאַרשטייער אין וואַשינגטאָן האָבן זיי געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אונז. מיר מוזן זיי אָנלערנען.

אונזער אַרמיי אַנטוויקלט זיך, וואַקסט און ווערט שטאַרקער. מען בויט נייע לאַגערס, קריגס שיפן, עראָפּלאַנען. די סאָלדאַטן ווערן גוט באַוואָפנט. געווייַנטלאַך טוט דאָס אונזער רעגירונג מיט דעם געלד וואָס מיר לייען איר אויס דורכדעם וואָס מיר קויפן רעגירונגס "באָנדס" און "סטעמפּס".

מיין ברודער געפינט זיך אין דער אַרמיי שוין פינף וואָכן. ער שרייבט אַז דאָרטן אין קעמפּ, אין קאַליפאָרניע גייט אים זייער גוט. דער לאַגער אַ וואו ער געפינט זיך קוקט אויס מער ווי אַ דאַטשע און די סאָלדאַטן זענען כמעט ווי אויף וואַקאַציע. מע גיט זיי דאָרטן זייער גוט עסן און אין יעדן אופן פּאַסט מען אויף זיי אויף זייער גוט. דאָס עסן איז אַזוי גוט און אַזוי פיל אַז איך פאַרשטיי ניט ווי

אזוי זיי פּאקן דאָס אריין. זיי שפּילן אויך באַל און אנדערע שפּילן און אמוזירן זיך זייער פיין.

מיר מוזן אויך טאָן אונזער פליכט און קויפן וואָס מער באָנדס, כדי מיר זאָלן וואָס גיכער קאָנען געווינען די מלחמה און שאפן א בעסערע וועלט מיט א דויערנדיקן שלום. איך האָף אז דאָס וועט טאָקע פּאסירן וואָס גיכער.

חנה נאָרבערג

מיינע יידישע און קריסטלאַכע חברים

ביז ניט לאנג האָבן מיר געוואוינט אויף א גאס וואו עס האָבן געוואוינט דורכאויס קריסטן. די קינדער דאָרטן זענען געווען צו מיר ניט צו פריינטלאך: זיי פלעגן אויף מיר שרייען און מיך רופן מיט ניט קיין שיינע נעמען. איך בין געווען די איינציקע יידישע מיידל אין געגנד.

דאָרטן האָב איך געהאט נאָר איין חבר'טע וועלכע האָט זיך מיט מיר געוואָלט חבר'ען און זיך שפּילן.

עס איז מאָדנע ווי אזוי אייניקע פון אונז פילן ווען מיר טרעפן זיך אָן מיט קינדער—ניט יידישע—מיט וועלכע מיר לערנען אין די זעלבע קלאסן אין סקול און זיי באגיין זיך מיט אונז אזוי שלעכט. מיר פּרובירן זיין חבר מיט זיי און ארויסווייזן צו זיי פריינטשאפט, אָבער עס העלפט ניט, זיי באציען זיך צו אונז מיט שנאה און, פאר־וואָס ווייס איך ניט. מיר טוען זיי דאָך ניט קיין שלעכטס.

זעענדיק ווי אזוי קריסטלאכע קינדער באציען זיך צו אונז, כאָטש מיר פּרובירן טאָן אַלץ וואָס מיר קענען ארויסצואווייזן צו זיי פריינטשאפט און חבר'שאפט און זיי באגיין זיך נאָך אַלץ מיט אונז, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען די ערגסטע מענשן, בין איך געקומען צום שלוס אז א יידיש קינד דאַרף זיך ניט שטופּן דאָרט וואו מ'האָט אים ניט גערן.

איצטער וואוין איך אין א יידישן געגנט און האָב יידישע פריינט און ס'איז א פארגעניגן, יידישע קינדער פארשטייען איינס דאָס אנדערע און איך פיל זיך איצטער גליקלאך.

פרומע סינגער

פון די ביכער וואָס איך האָב געלייענט בינעלע פון ב. ביאַלאָסטאָצקי

ער איז געווען צען יאָר אַלט. זיין נאָמען איז געווען בינעלע. בינעלע האָט ליב געהאַט יום טובים, יום טוב איז אַזוי פריילאַך און אַזוי לעבעדיק און ער האָט זיך דערפאַר געוואונשן אַז ס'זאָל קומען אַ צייט אַז ס'זאָל זיין גאַלע יום טוב. ווייל, אַזוי קומט אַ יום טוב און גייט אַוועק און עס ווערט ווידער וואָכ.

איינמאָל איז בינעלע איינגעשלאָפן און גע'חלומ'ט וועגן אַזאַ לאַנד. ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער טאַקע געוואָלט גיין צו אַזאַ לאַנד. ער איז געגאַנגען ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ מאַן אַ הויכן אַ שיינעם: דער מאַן האָט אים געזאָגט אַז ער ווייסט וועגן אים און אַז ער זאָל אים נאָכגיין. זיינען זיי געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו אַ טייכל. דער מאַן האָט געזאָגט אַז דאָס טייכל רופט זיך אָן דער טייך פון טרערן, ווייל די בלעזלאַך וואָס זענען אין דעם טייך זענען אויגן פון מענטשן וואָס האָבן געוויינט גאַנצע טעג.

אריבער דעם טייך איז ער געגאַנגען ווייטער אַליין ביז ער איז געקומען צו אַן אַלטן מאַן, דער אַלטער מאַן האָט דערציילט בינעלען ווי אַזוי ער איז געקומען אַהערצו; ער האָט געוואָלט אויפוועקן משיח'ן פון זיין שלאָף. דער אַלטער מאַן האָט אים גענומען צו משיח'ס וואוינונג. דאָרטן איז ער געשלאָפן ביז אַ ווינט האָט אים אויפגעוועקט.

ער איז געגאַנגען ווייטער און געהאַט אַ סך באַגעגענישן. איינע מיט אַ געלן בער, איינע מיט אַ באַרג וואָס שרייט אַלעמאָל "פאַר־וואָס?" ווען ער איז אריבער דעם גרעסטן באַרג איז ער געקומען צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב. בינעלע האָט זיך זייער געפרייט. אָבער ער האָט געקענט שטיין אין דעם לאַנד בלויז דריי טעג. ער האָט זיך זייער גוט פאַרבראַכט די דריי טעג, נאָכדעם, האָט ער זיך אומגע־קערט. דער מאַן האָט אים איבערגעלאָזט אויף אַ פעלד און אים גע־זאָגט אַז ווען אַ גאָלדענער טאָג וועט קומען וועט קומען אַ גאָלדן מייזל אים נעמען און אים ברענגען אהיים. ביז דאַן וועט קיינער אין דער היים ניט גלויבן זיין מעשה. ווען דער טאָג וועט קומען וועלן אַלע גלויבן. וואַרט ער נאָך אַלץ אויפן טאָג.

פאר די הענטלאך זיך גענומען
יאָ, די גוטע שעה וועט קומען
נאָר דערווייל, קליין און גרויס
לאָזט די מעשה׳לע זיך אויס.

שיינדעל קאזשדאן

אַ מעשה וועגן געקאָכטע אייער

איינמאָל אין א זומער טאָג, האָט מיין מאמע מיר געזאָגט אז זי דארף אוועקגיין צו דער ארבעט און דערפאר וועל איך אליין דארפן פאר זיך צוגרייטן עסן.

איך בין געווען זייער צופרידן. דאָס מיינט אז אויב איך קען צוגרייטן מיין אייגענעם מאָלצייט בין איך ניט מער קיין קליין מיידע־לע נאָר שוין א דערוואקסענער מענש.

איך האָב זיך געאיילט. איך האָב גענומען א גרויסן טאָפּ, אריינגעלייגט צוויי אייער דאָס געשטעלט אויפן גאז און אָנגעצונדן די גאז און אלץ איז געגאנגען גוט. קיין וואסער האב איך ניט אריינ־געגאָסן.

איך האָב גענומען טאָנצן און זינגען און שפּרינגען פאר פרייד. איך האָב אפילו ניט געקוקט אויפן זייגער. מיט א האלבער שעה שפּעטער בין איך געגאנגען קוקן אויף מיין מאָלצייט. די אייער זיינען געווען איינגאנצען פארברענט. איך האָב געוויינט און געוויינט ביז מיין מאמע איז אהיים געקומען. מיין מאמע האָט געלאכט פון דעם וואָס איך האָב איר דערציילט וואָס עס האָט פּאסירט. נאָכדעם האָט זי געזאָגט אז איך בין נאָך אלץ א קליין מיידל און זי קען מיר נאָך ניט טרויען אז איך זאָל מאכן מיין אייגענעם מאָלצייט אָבער, זי האָט מיר געוויזן ווי אזוי מען קאָכט אייער.

ווען מיין טאטע איז אהיים געקומען האָב איך אים דערציילט וואָס עס האָט מיט מיר פּאסירט און ער האָט אויך געלאכט. דער טאָג האָט זיך אָבער פארענדיקט זייער גוט, ווייל, מיין טאטע און מאמע האָבן מיר ארויסגענומען אין א רעסטאָראן. אין דעם רעס־טאָראָן האָב איך ערשט געלאכט דעם אמת׳ן געלעכטער ווייל דאָרטן האָבן מיר אלע באַשטעלט געקאָכטע אייער.

אברהם ליעסין שול

א. פּראָוואָטינער, לערער

נחמה אלמאַן

פאַרוואָס איך לערן יידיש

איך לערן אין דער אַרבעטער רינג שול, ווייל איך בין אַ יידיש קינד און איך וויל לערנען די שפּראַך און די געשיכטע פון מיין פאָלק. איך וויל זיך באַקאַנען מיט די יום־טובים און וויסן די יידישע מנהגים.

איך לערן אין דער אַרבעטער רינג שול אַנדערהאַלבן יאָר. איך בין זייער צופרידן וואָס איך לערן יידיש. חוץ דעם לערנען, זינגען מיר שיינע יידישע לידער, מיר טאַנצן פאַרשידענע טענץ. אונזער לערער דערציילט אונדז געשיכטעס. מיר האָבן שפּילן אויף אַלע יום־טובים. איצט האָבן מיר אויך אַ גרויסן אָרקעסטער, מיט זיבעצן פידלען, צוויי טשעלאָס, צוויי קלאַרנעטן, צוויי טראָמפּייטן און אַ באַס.

מיר קומען אין שול דריי מאָל אַ וואָך, און די דריי טעג זיינען ביי מיר די בעסטע פון דער גאַנצער וואָך. אין די דריי מאָל לערנען מיר אַזוי פיל פונקט ווי די קינדער אין די גאַנצע שולן.

אונדזער לערער איז זייער געדולדיק מיט אונדז. ער אַרבעט זייער שווער. ווען מיר מאַכן נישט די לעקציעס, האָט ער געדולד, און דערציילט, און דערקלערט די לעקציע נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל.

דינסטיק לייענען מיר און שרייבן. דאָנערשטיק דערציילט דער לערער אונדז געשיכטעס. זונטיק זינגען מיר, מיר האָבן דעם אָרקעסטער, און נאָך דעם לערנען מיר אין קלאַס.

דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב צו דערציילן וועגן מיין שול. איך בין זיכער אַז דיר וועט געפעלן צו לערנען אין דער אַרבעטער רינג שול.

פּרוּאוו, וועסטו זען!

איך גלויב אַז עס איז די פליכט פון יעדן יידישן קינד צו לערנען זיין שפּראַך און געשיכטע.

שיינע רחל פּינקאָוויץ

די קליינע פּרעסערין

"אוי, ווי הונגעריק איך בין", האָט די קליינע ביטשעלע גע־טראַכט. "אָבער די מאַמע האָט געזאָגט אַז איך קען גאָר ניט עסן.

איך בין זייער הונגעריק אָבער, עס איז נאָך צוויי און א האלב שעה ביז וועטשערע".

"ווי גוט די חלה איז, וואָס די מאמע האָט בלויז א האלבע שעה צוריק ארויסגענומען פון אויוון, וואָלט געווען מיט איינגעמאכטס, און א גלאָז מילך. ווען איך טראכט בלויז וועגן דעם, ווער איך נאָך מער הונגעריק."

פּונקט אין דעם מאָמענט, האָט די מאמע געזאָגט צו בייטשעלען, "איך מוז גיין צו דער באָבע'ס הויז. איך וועל קומען צוריק אין א האלבע שעה ארום. געדענק, עס גאָר ניט ביז וועטשערע."

ווען די מאמע איז אוועקגעגאנגען, האָט בייטשעלע גענומען שפּילן אויף דער פּיאנאָ. אין פינף מינוטן ארום איז זי אוועק פון דער פּיאנאָ. זי האָט גענומען טראכטן: "איך קען קוקן אויף דער חלה, זע נאָר, די מאמע האָט שוין צעשניטן איין חלה, אז איך וואָלט איין שטיקל גענומען פון דעם איז וואָס? די מאמע וועט גארניט דערקענען.

עס איז געווען זייער גוט, און זי האָט אויפגעגעסן צוויי שטיקלעך חלה. "איך דענק אָבער, אז דאָס איז גענוג. די מאמע וועט קומען אהיים אין א פּאָר מינוטן ארום, און איך מוז אלץ אוועקלייגן אין אָרדענונג."

ווען די מאמע איז געקומען, האָט זי דערזען די ברעקלאָך אויפן טיש און זי האָט געזען אז בייטשעלע האָט איר אָפּגענארט. אָבער מיר וועלן זען ווער עס וועט לאכן צום לעצטן.

ווען בייטשעלע'ס פּאָטער איז אהיים געקומען, האָבן אלע אוועקגעזעצט זיך צום טיש. איר מאמע האָט בייטשעלען געפרעגט, "פאר וואָס עסטו ניט?"

"איך וויל ניט עסן."

"פארוואָס?"

"איך ווייס ניט."

"אָבער איך ווייס, דו האָסט גענומען א שטיקל חלה, און איצט קענסטו קיין זאך ניט עסן. און איך ווייס אז דו ביסט א קליינע פרעסערן, און איך מוז אכטונג געבן אויף דיר."

בייטשעלע האָט זיך פארשעמט, און זיך צעוויינט.

עלים בראילאָוו

מיין לעבן

איך בין 12 יאָר אַלט. און איך בין געבאָרן געוואָרן דעם 18טן אווגוסט 1929. ווען איך האָב געדאַרפט אָנהייבן גיין אין סקול האָב איך נישט געוואָלט גיין. מיין מאַמע זאָגט אַז איך בין שוין 6 יאָר אַלט און איך מוז גיין אין סקול. איין מאָל האָט זי מיר געשלעפּט מיט געוואַלד האָט זי מיר אַריינגעשטופּט אין קלאַס רום און אַליין איז זי געשטאַנען אונטער דער טיר און האָט געהערט ווי איך האָב געוויינט. די לערערין איז אַרויסגעקומען און אַריינגערופן מיין מאַמען און איר געהייסן אַז זי זאָל זיך זעצן אויף דער לעצטער שורה און זי איז געזעסן ביז איך בין געגאַנגען אַהיים צוזאַמען מיט אַלע קינדער.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. און פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהייבן ליב צו האָבן די סקול. און איך האָב געהאַט גוטע "מאַרקס." איך האָב געזען אַז לערנען איז זייער גוט. לערן איך אַזוי אין אַלע "גריידס" און איצט לערן איך אויך אין דער יידישער שול. וועלכע איך האָב זייער ליב.

איך האָב זייער ליב געשיכטע, און לייענען, שרייבן פויל איך זיך אַביסל. אָבער איך קען שרייבן אויך. ווען איך וואָלט שרייבן ניט געקענט, וואָלט איך דאָך ניט געקענט אָנשרייבן די מעשה.

איך לערן זיך אויך שפּילן פידל, אין דעם אָרקעסטער פון דער יידישער שול.

איך גלויב, אַז אַלע יידישע קינדער דאַרפן לערנען יידיש.

בערל פּלאַטקין

ברוך טשאַרני וולאַדעק

אין דער צייט וואָס איך לערן אין דער יידישער שול, האָב איך זיך באַקענט מיט די ביאָגראַפיעס פון עלטעכע יידישע שרייבער. אונזער לערער האָט אונדז דערציילט פון זייער לעבן. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט איינעם פון די שרייבער, מער ווי מיט די אַנדערע, ווייל אונדזער קולטור-צענטער איז אויף זיין נאָמען.

ברוך טשארני וולאדעק, איז געבארן געווארן דעם ערשטן יאנואר 1886 אין דוקאר, רוסלאנד. ער איז געווען איינער פון זעקס קינדער, איין מיידל און פינף אינגלעך. נאך זיין טאטנס טויט האט זיין מאמע אכטונג געגעבן אויף זיי. ברוך און זיינע ברידער זיינען געגאנגען אין חדר און ווען ברוך איז געווארן אלט צען יאר, זיין מלמד האט גע׳עצה׳ט דער מאמען אז זי זאל שיקן ברוך׳ן און זיין ברודער רניאל קיין מינסק אין דער ישיבה אריין.

א פאר יאר איז ברוך געווען אין דער ישיבה און ער האט זייער גוט געלערנט; אבער דאס לעבן אין דרויסן האט אים ניט געלאזט איינזיצן אין דער ישיבה. ער האט פארלאזן די ישיבה און ער האט אנגעהויבן לערנען רוסיש און אנדערע שפראכן. ער איז געווארן א רעוואלוציאנער. אין 1904 איז ברוך ארעסטירט געווארן. ער איז נאך ניט אלט געווען קיין אכצן יאר ווען ער איז שוין געזעסן אין טורמע. די צארישע טורמעס זיינען געווען שולעס פאר די רעוואלוציאנערן. ער האט דארט געלייענט א סך ביכער און שטודירט פאליטישע עקאנאמיע. אין סעפטעמבער 1904 האט זיך ברוך אנגעשלאסן אין דער פארטיי "בונד". איין מאל ווען ברוך האט אנגעפירט מיט א סטרייק האבן די קאזאקן זיי באפאלן און איבערגעפארן מיט זייערע פערד. זיי געשלאגן מיט זייערע בייטשן און שווערדן. וולאדעק׳ן האט מען איבערגעלאזן אין שניי א האלב טויטן. די קלעפ האבן אים איבערגעלאזן צייכנס אויפן לעבן. וולאדעק איז ווידער ארעסטירט געווארן. וולאדעק האט דארט אנגעפאנגען שרייבן. א יאר נאך זיין באפרייאונג פון דער לאדזער טורמע איז ער געפארן קיין דוקאר צו זען זיין מאמען.

ווען ברוך טשארני וולאדעק איז געשטארבן איז ער געווען צוויי און פופציק יאר אלט. הונדערט טויזנט מענטשן זיינען געקומען אים צוטיילן דעם לעצטן כבוד. א סך מענטשן פון יענער זייט ים האבן באוויינט דעם טויט פון זייער פירער. חברים האבן שטארק באדויערט זיין טויט. טאקע דערפאר וואס ער האט אנגעפירט א קאמף פאר פרייהייט. און עס איז א גרויסער פארלוסט פאר אלע יידן וואס וולאדעק איז אזוי יונג געשטארבן.

איך בין זייער צופרידן וואס אונדזער קולטור צענטער ׳טראגט זיין נאמען.

תמר בראדסקי

חיים סאלאמאן

חיים סאלאמאן איז געבארן געווארן אין ליזע, פוילן אין דעם יאר 1740. פון זיינע יונגע יארן ווייסן מיר ניט קיין סך, אבער אין 1772 נאך דער פארטיילונג פון פוילן, האט ער ניט געקענט צו זען ווי מען האט דארטן געפירט דאס לאנד. האט ער פארלאזן זיין היימלאנד און געקומען קיין אמעריקע.

ער האט אינגיכן חתונה געהאט און ער איז פארבליבן אין ניו יארק. א פאר יאר שפעטער ווען דרייצן קאלאניעס האבן אנגעפאנגען רעוואלטירן קעגן ענגלאנד, איז חיים זיך צוזאמענגעקומען מיט די רעבעלן. ווען די ענגלענדער זיינען געווען אין ניו יארק אין סעפטעמבער 1776 האבן זיי, סאלאמאן'ען אריינגעזעצט אין טורמע אלס א שפיאן.

ער האט געקענט ריידן פויליש, דייטש און ענגליש. האט מען אים ארויסגענומען פון טורמע און מען האט אים באשטימט אין דעם קאמיסאריאט פון דעם העסיענער גענעראל הייסטער.

ער האט געהאלפן פילע מענטשן צו אנטלויפן און ער איז נאכדעם אליין אויך אנטלאפן.

ער איז געקומען קיין פילאדעלפיע, זייער ארים און געבעטן ארבעט ביי דעם קאנטינענטאלן קאנגרעס. מען האט אים אויף זיין ווענדונג ניט געענטפערט, האט ער אנגעהויבן פארקויפן צייטונגען.

חיים איז געווארן א גוטער בירגער אין פילאדעלפיע. די מלחמה איז געווען אריבער, אבער די ארבעט פון איינשטעלן ארדענונג אין לאנד האט זיך ערשט אנגעפאנגען.

חיים סאלאמאן האט אנגעהויבן האנדלען אויף דער בירזשע. אין יאר 1781 איז ראבערט מארים געווארן סופעראינטענדענט פון פינאנסן. אין דעם יאר 1782 האט ער געבעטן אז חיים זאל ווערן א שותף מיט דעם אפיס פון פינאנסן. די מלוכה איז אים שולדיק געבליבן דריי הונדערט און פופציק טויזנט דאלער.

סאלאמאן האט געהאט פילע אנדערע פאזיציעס. ער האט אנטליען געלט צו מאריסן. ער האט געראטעוועט פילע גרויסע מענטשן פון באנקראט.

סאלאמאן איז געווען זייער א גוטער און עס איז אים ניט געווען שווער צו העלפן יעדערן וואס האט נאר געבעטן הילף. איין מאל האט ער אויסגעליען צוויי טויזנט דאלער צו ארימע לייט.

אין דעם יאר 1784, א יאר פאר זיין טויט, איז ער געווארן א שותף מיט מרדכי'ן, און אויפגעעפענט א באנק אויף וואל סטריט אין ניו־יארק.

אין אמעריקע איז דאס יידישע לעבן געווארן זייער גוט און רייך, און סאלאמאן איז געווארן א גרויסער מענטש און א גוטער בירגער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דער "קאנגרעגיישאן מקוה ישראל." ער איז געווען א טרעזשורער פון דער ערשטער יידישער טשאריטי ארגאניזאציע אין אמעריקע, א סאסייטי פאר ארימעלייט.

ער איז געשטארבן דעם 6טן יאנואר, 1785.

זיין משפחה האט קיינמאל ניט צוריקגעקראגן דאס געלט וואס די מלוכה איז אים געבליבן שולדיק. ער האט געליען דאס געלט אנצופירן די רעוואלוציע.

לעצטן יאר האט מען אים צוזאמען מיט דזשארדזש וואשינגטאן און ראבערט מאריס, געשטעלט א מאנומענט אין שיקאגע. ער האט עס כשר פארדינט. הלוואי וואלטן מיר איצט געהאט אזעלכע יידן.

פ אַ ל מ ע ר ס ק ו ו ע ר ש ו ל

א. פראוואטינער, לערער

לאה גרינדבאנד

קארל סטיינמעץ

קארל סטיינמעץ, איז געבארן געווארן אין ברעסלאו, דייטשלאנד, דעם 9טן אפריל, 1865. מען האט אים א נאמען געגעבן נאך זיין פא־טער און זיינע צוויי פעטערס: קארל אווגוסט רודאלף סטיינמעץ. ער איז געוואקסן אונטער דעם אויפזיכט פון זיין באבע, ווייל זיין מאמע איז געשטארבן ווען ער איז אלט געווען איין יאר. דערפאר וואס ער איז געבארן געווארן א קריפל איז זיין באבע זייער גוט צו אים. ניט אכטנדיק וואס קארל איז געווען א קריפל איז ער אבער אויפגעוואקסן צו זיין א געזונטער און א שטארקער. ווען קארל האט גראדואירט פון מיטל שול איז ער געווארן דער פירער פון זיין קלאס. ווען ער איז אריין אין אוניווערזיטעט פון ברעסלאו האט ער זיך גלייך פאראינטע־רעסירט אין וויסנשאפט און אויפגעשטעלט א לאבאראטאריע אין זיין היים.

קארל סטיינמעץ האט קיינמאל ניט חתונה געהאט. ער האט אדאפטירט יוסף ליכי היידן, אלס זון. און ווען היידן האט חתונה גע־האט, האט סטיינמעץ איינגעלאדן היידן און זיין פרוי אז זיי זאלן וואוינען מיט אים אין זיין נייער היים.

אין 1893 האט סטיינמעץ פרעזענטירט די ערשטע פון זיינע גרויסע מאטעמאטישע קאנטריבוציעס. דאס איז געווען דאס ערשטע אין דעם פאך. די מענטשן האבן עס אבער ניט אפגעשאצט, דערפאר האט סטיינמעץ אנגעהויבן שרייבן טעקסטביכער. זיינע ביכער האבן דערקלערט א סך זאכן וואס מען האט ביז אים ניט געוואוסט.

ער איז אויך געווען א דערפינדער. ער האט געמאכט אן "ארק לעמפ" וועלכער מען האט גענוצט צו באלייכטן די גאסן. מען האט אים אויך גערופן "דער דונערער" ווייל ער האט אויסגעקלערט קינסט־לעכע דונערן און בליצן.

דעם 23טן סעפטעמבער זיינען אלע געקומען קיין סאן פראנציסקא וואו סטיינמעץ איז געווען ביי דער קאנווענשאן פון דעם "אמעריקען אינסטיטוט אף עלעקטריקל ענזשינירס." ווען אלע זיינען צוריקגע־קומען קיין סקענעקטעדי איז עס שוין געווען דעם 12טן אקטאבער. סטיינמעץ האט הנאה געהאט פון דער רייזע, נאר ער האט געפילט זיך

ניט גוט. זיין דאָקטער האָט אים אָנגעזאָגט צו ליגן אין בעט א פּאָר טעג, נאָר די פּאָר טעג האָבן זיך פאַרלענגערט אויף וואָכן. דעם 25טן אָקטאָבער ביינאַכט האָט סטיינמעץ געפילט בעסער און ער האָט זיך אָנגעטאָן. אכט אַזייגער אינדערפריה האָט היידן אים געפונען אין בעט און אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל בלייבן אין בעט ביז נאָך אָנבייסן. נאָר מיט עטליכע מינוט שפּעטער ווען היידן'ס זון האָט איהם ארויפגע־בראַכט עסן איז שוין סטיינמעץ געווען טויט.

שיינדל פרידקין

יצחק לייבוש פּרץ

יצקח לייבוש פּרץ איז געבאָרן געוואָרן אין זאַמאָשטש, פּוילן, אין דעם יאָר 1852. ווען ער איז געווען דריי יאָר אַלט האָט ער אָנ־געהויבן גיין אין חדר און אינגיכן האָט ער שוין געקענט לייענען. און אַזוי איז ער געוואַקסן א גוטער לערנער.

ווען יצחק לייבוש איז געוואָרן פופצן יאָר אַלט, האָט ער געלערנט ביי א סך מלמדים. אין דער דאָזיקער צייט איז ער געווען אין א דער־בייאיקן שטעטל. דאָרטן האָט ער געלערנט אַליין, פאַר זיך, אין בית־המדרש. ער קען א סך און האָט א טייערן קאָפּ. אַלע האָבן אים גערופן דער עילוי.

ער האָט געקענט אויך אַביסל פּויליש און דייטש. ער בענקט נאָך וויסן. אָבער וואו קען מען געפינען ביכער צו לערנען?

אין יענער צייט האָט געלעבט אין זאַמאָשטש א מאָדנער מענטש. מיכל פידלער האָט מען אים גערופן. ער לייענט א סך ביכער און ער וואוינט זיך אין א ביידל, איינער אַליין הינטערן שטאָט. ער האָט א גרויסע ביבליאָטעק.

איין טאָג איז יצחק לייבוש געגאַנגען צו מיכל פידלער אין שטוב און האָט אים געפרעגט, אפשר האָט ער א בוך וואָס ער קען אים געבן. מיכל פידלער איז געגאַנגען אין הויז אריין. ווען ער איז צוריק־געקומען האָט ער אנשטאָט א ספר געהאַלטן אין האַנט א גרויסן, שווערן, פאַרראָסטעטן שליסל. מיכל פידלער האָט צו פּרץ'ן געזאָגט: "נעם דעם שליסל, דו ביזט עס ווערט. איך וועל אינגיכן שטאַרבן. זאָלן די ביכער זיין דיינע!" דער שליסל איז געווען צו מיכל פידלער'ס

באהאלטענער ביבליאָטעק. יצחק לייבוש דריקט פעסט דעם שליסל צו צום הארצן.

"איך וועל אלץ לייענען און כסדר!" מאכט ער אָפּ ביי זיך. אָבער אלץ קען ער ניט לייענען, ווייל חוץ פּויליש און דייטשע ביכער, זיינען דאָרטן אויך געווען פראנצויזישע.

געפינט ער א לערנבוך זיך אליין צו לערנען פראנצויזיש, לערנט ער עס אויס אויף אויסווייניק. נעמט ער זיך צו די ביכער, נאָך דער ריי נאָך. שלינגט ער נאָוועלעס און וויסנשאפטלעכע ווערק, לידער און געזעץ־ביכער. עס עפענען זיך פאר יצחק לייבוש'ן נייע וועלטן. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אן אדוואָקאט. פּרץ איז אין ווארשע און עס גייט אים זייער שלעכט. ער מוז אָנהייבן דאָס לעבן פון דאָס ניי.

ער איז שוין באוואוסט ווי א העברעאישער דיכטער. א סך לידער זיינע האָט מען שוין געדרוקט אין פארשיידענע צייטשריפטן און עס זיינען ארויס שוין צוויי ביכלעך מיט זיינע העברעאישע לידער. אמת, אים ציט לעצטענס אלץ מער און מער צו יידיש. און אויף יידיש האָט ער געדרוקט דערוויל נאָר די גרויסע פּאָעמע "מאָניש" און עטלעכע קורצע דערציילונגען. ער האָט גרויסע פּלענער וועגן נייע ווערק אויף יידיש. פּרץ איז שוין פופציק יאָר אלט. ער איז געוואָרן א בארימטער יידישער שרייבער.

מען פייערט א טאָפּעלן יובילוי, פופציק יאָר פון געבוירן ווערן און 25 יאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. עס איז א גרויסער יום־טוב. די פריינט האָבן צוגעגרייט פאר אים א וואונדערלעכע מתנה. א פולע אויסגאבע פון זיינע "שריפטן." דאָרטן זיינען פאראן זיינע לידער און דערציילונגען. פּרץ פרייט זיך מיט דעם וואָס מען האָט צונויפגענומען אין איינעם זיינע זאכן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פארשיידענע אויסגאבעס.

ס'איז אפּריל 1915. ס'איז פּסח. ס'איז דאָס ערשטע יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָט פארטריבן יידן פון אלע ערטער לעבן גרענעץ פון דייטשלאַנד. א סך יידן זיינען אליין געלאָפן פון וואוינ־ערטער וואָס זיינען געווען ניט ווייט פון די שלאכטפעלדער. ערגער פון אלץ איז עס פאר קינדער. ווער וועט זאָרגן פאר זיי?

יצחק לייבוש פּרץ צוזאמען מיט זיין אלטן פריינד יעקב דינעזאָן זאָרגן פאר די קינדער! זיי קלייבן צענויף געלט און בויען קינדער־היימען, קינדער־גערטנער. זאָלן די קינדער האָבן וואו צו זיין, זאָל מען

זיי דאָרטן געבן עסן, זאָל מען לערנען מיט זיי. ס'איז א ביטערע צייט. זאָלן יידישע קינדער זינגען און טאַנצן!

איין מאָל איז פּרץ געזעסן און געשריבן א לידל. איז אים געוואָרן ניט גוט. ער בעט מען זאָל אים ברענגען א גלאָז וואסער. ווען מען קומט מיטן גלאָז וואסער, איז ער שוין טויט.

אויף מאָרגן איז געווען די לויה. הונדערט טויזנט יידן פון וואר־שע האָבן באַגלייט זייער ליבן יצחק לייבוש פּרצן, וואָס האָט געשאַפן אזוי פיל טייערס און שיינס און ארויסגעוויזן אזוי פיל הייליקס און טיפס ביים יידישן פאָלק. ווייל אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט יצחק לייבוש פּרץ אָנגעשריבן זיינע בעסטע שאַפונגען.

און אזוי איז פּרץ געוואָרן מיין באַליבטסטער שרייבער נאָך פון ערשטן קלאַס אין דער יידישער שול.

טאָבי שנאָל

מיין באַליבסטער העלד

אין די צייטונגען האָב איך געלייענט, אז אין שיקאַגע האָט מען אוועקגעשטעלט א מאָנומענט פון חיים סאָלאָמאָן.

דער נאָמען איז מיר שוין געווען אביסל באַקאַנט, ווייל דער לע־רער פון מיין יידישער שול האָט אונדז אין קלאַס דערציילט וועגן דעם. איך האָב זיך אָבער זייער געוואונדערט, פאַרוואָס אין מיין ענגלישן געשיכטע־בוך ווערט ניט דערציילט וועגן זיין גאַנצער העלדישקייט און בראַווקייט וואָס ער האָט ארויסגעוויזן אין דער צייט פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף אין דער צייט פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן. איך האָב זיך געפילט זייער באַליידיקט פאַרוואָס מען פאַרשווייגט יידישע העל־דישקייט, און טאַקע דערפאַר איז ער געוואָרן מיין באַליבטסטער העלד פון דער אמעריקאַנער רעוואָלוציע.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין ביאָגראַפיע, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין זייער אינטערעסאַנט, און איך וויל זי איבערדערציילן פאַר אונדזערע יידישע קינדער וועלכע זיינען מיט איר נאָך ניט באַקאַנט.

חיים סאָלאָמאָן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל, ליסא, אין פּוילן. אין דעם יאָר 1748, אין דער הויז פון באַלעבאַטישע על־

טערן. די פאמיליע סאלאמאן האט דורכגעמאכט די צעטיילונג פון פוילן צווישן רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך וועלכע האט זיי ארומגעטריבן פון איין ארט צום צווייטן ביז זיי זיינען אנגעקומען קיין האלאנד. אין האלאנד האט זיך זיי געלעבט רואיק, און חיים האט זיך גענומען שטודירן שפראכן און אויך ווי אזוי צו פירן באנק־גע־שעפטן.

חיים איז אבער געווען אן אומרואיקע נשמה. און אין דעם יאר 1772 איז ער אנגעקומען קיין נויארק. גאר אינגיכן האט ער זיך באַ־קענט מיט דער אנגעזעענער פאמיליע פון משה ב. פרענקס, וועלכער האט געהאט א זון אייזיק פרענקס וואס איז געווען אן אפיצער אין דער רעוואלוציאנערער ארמיי, משה פרענקס האט אויך געהאט א ברודער מייער, וואס איז געווען א ריכטער אין "סופרים־קאורט" פון פענסיל־וויניע, און א טאכטער רחל זייער א שיין מיידל. חיים האט זיך אין איר פארליבט, און זיי האבן אינגיכן חתונה געהאט.

חיים ווי א פרייהייט ליבנדער מענטש איז אויך צוגעשטאנען צו די רעוואלוציאנערן. ער איז אבער אינגיכן ארעסטירט געווארן פון די ענגלענדער אלס שפיאן. מען האט אים באשולדיקט אז ער וויל אונ־טערצינדן שפייכלערס מיט תבואה, און אויפרייסן שיפן. ער איז דער־פאר פאר׳משפט געווארן צום טויט דורך הענגען. זייער א פיינער עפי־זאד ווערט דערציילט ווי אזוי ער איז אנטלאפן פון טורמע. דאס איז געווען א פאר שעה איידער מען האט אים באדארפט הענגען איז צו אים אריינגעקומען דער וואכמאן:

— איך דארף שוין גיין? — האט חיים אים געפרעגט.

— ניין, דו האסט נאך א פאר שעה. דער וואכמאן האט אויף אים געקוקט און געזאגט:

— סאלאמאן איך בין געקומען דיר צו באדאנקען איידער דו שטארבסט.

— מיר באדאנקען, פארוואס? האט חיים מיט פארוואונדערונג אים געפרעגט.

— דו האסט געהאלפן אנטלויפן מיין ברודער פון די ענגלענדער, ער דינט איצט אין וואשינגטאנ׳ס ארמיי.

— פארוואס זשע ביזטו ביי די ענגלענדער, פארוואס אנטלויפ־סטו נים?

דער וואכמאן האט עפעס א מורמל געטאן אויף דייטש, און גע־

בליבן שטיל. חיים האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות. נאָכדעם האָט ער ארויסגענומען זיין גאָלדענעם זייגער, און אים אריינגעשטופּט צום סאָלדאט אין האנט און געזאָגט:

— נא, נעם עס, איך דארף עס שוין ניט, דיר וועט עס צו ניץ קומען.

דער סאָלדאט האָט צוגענומען דעם זייגער און איז אוועקגעגאנגען. ווען חיים איז צוגעקומען צו דער טיר פון זיין צעל, האָט ער געזען ווי די טיר איז אָפן. ער האָט לאנג ניט געקלערט און איז אנטלאָפן פון טורמע קיין פילאדעלפיע.

ער האָט נאָכדעם געשיקט נאָך זיין פאמיליע און האָט נאָכאמאָל אנגעפאנגען צו פארדינען א סך געלט. און ווען ראָבערט מאָריס דער פינאנס מיניסטער האָט אים געשיקט א בריוו און געבעטן ביי אים לייען צוויי הונדערט טויזנט דאָלער פאר דער רעוואָלוציע, האָט ער איינער אליין געגעבן העלפט פון דער סומע. חיים סאלאמאן איז ניט באַשערט געווען א געזונטער צו דערלעבן די באפרייאונג פון אמעריקע ווייל אין די טורמעס וואו ער איז געזעסן און פון אלע אנדערע צרות וואָס ער האָט געהאט האָט ער באקומען די קראנקייט וואָס מען רופט טי בי. עס ווערט דערציילט אז ער איז געזעסן ביי זיך אין אָפיס אויף פראָנט סטריט. זיין בוכהאלטער, מעק־קריי כאַפּט אָן סאלאמאן׳ס האנט און רופט אויס: ״מיר האָבן געוואונען, אמעריקע איז פריי״.

די קנייטשן אויף סאלאמאן׳ס פּנים זיינען איצט פארשוואונדן. ער פארמאכט זיינע אויגן און שעפּטשעט שטיל. ״א דאנק דיר גאָט, א דאנק וואָס דו האסט געראטעוועט אונדזער לאנד.״ און ער עפנט אויף זיינע אויגן. זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער קומען אריין. די קינדער טוליען זיך צום פאָטער. די פרוי נעמט אים ארום. אלע זיינען געבליבן שטיל. זיי האָבן געוואוסט אז סאלאמאן לעבט איבער דעם וויכטיקסטן מאָמענט אין זיין לעבן. זיי האָבן געוואוסט אז ער האָט זיין געזונט אומגעבראכט אין דער ארבעט צו באזאָרגן די אמעריקאַנער ארמיי. אז ער האָט זיין גרויס פארמעגן אינגאנצן אָפּגעגעבן פאר דעם קאמף צו באפרייען אמעריקע. און אז ער האָט געבעטן גאָט צו לאָזן אים דערלעבן אָט דעם מאָמענט צו זען אמעריקע פריי פון ענגלישער הערשאפט. זיי זיינען געגאנגען צום פאראד, אָבער חיים האָט אָנגעפאנגען זייער שטארק הוסטן און צו שפּייען מיט בלוט. ווען רחל

האָט דאָס דערזען האָט זי אים געבעטן צו גיין אַהיים און זיך לייגן אין בעט. פון דעמאָלט אָן איז ער ניט אויפגעשטאַנען פון בעט.

דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. עס איז צייט אַז דער קאָנגרעס זאָל מיט עפּעס אָפּצאָלן סאַלאָמאָנען.

ערשט מיט 158 יאָר שפּעטער נאָך זיין טויט דעם זעכצענטן דעצעמבער 1941) האָט מען געשטעלט אין זיין אָנדענק אַ מאָ־נומענט. צו דער אויפדעקונג פון דעם מאָנומענט האָט פּרעזידענט רוזוועלט אין זיין באַגריסונג, געזאָגט אַזוי: „חיים סאַלאָמאָן איז יאָרן־לאַנג געווען דער פאַרגעסענער מענטש פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, אָבער זיין נאָמען וועט אייביק לעבן אין דער אַמע־ריקאַנער געשיכטע.

שוירלי גאָלדבערג

פעליקס מענדלסאָן

אין דער לעצטער צייט ווען ביי אונדז אין שול האָבן די קינדער אָנגעהויבן שפּילן אין אָרקעסטער, און מען האָט גענומען קלערן וועגן גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס האָבן געשריבן די בעסטע מוזיק, האָב איך גענומען לייענען די ביאָגראַפיעס פון קאָמפּאָזיטאָרס. איך וועל אייך דאָ דערציילן פון איינעם וואָס מען רופט פעליקס מענדלסאָן.

פעליקס מענדלסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין האַמבורג אין יאָר 1809. ער איז געווען אַ זון פון אַ רייכן באַנקיר, און דאָס אייניקל פון משה מענדלסאָן, דער גרעסטער פילאָזאָף אין זיין צייט. ווען ער איז צוויי יאָר אַלט געוואָרן איז זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין בערלין. פון זיין קינדהייט אָן איז פעליקס געוואַקסן צווישן די געלערנטסטע מענטשן אין דייטשלאַנד. אין נאַטירלעך, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט צו שפּילן פּיאַנאָ, האָבן זיינע עלטערן, אים צוגעגעבן מוט צום לערנען. פעליקס'ס אינגערע שוועסטער פעני, האָט אויך געשפּילט פּיאַנאָ. אוןביידע צוזאַמען האָבן געשפּילט אין דער מוזיקאַלישער מענדלסאָן־היים. ביז פעני'ס טויט זיינען זיי געווען די בעסטע דועטן־שפּילער.

פעליקס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך קינד. אַלע וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג, זיינען געווען באַגייסטערט

פון זיין טאַלאַנט. ער האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרפאַסן קאָמפּאָזיציעס ווען ער איז געווען צוועלף יאָר אַלט. א יאָר שפּעטער, האָט ער אין דער שטאָט ווײַמאַר געטראָפן דעם באַרימטן דיכטער געטע. דער פּאָעט איז שוין געווען זיבעציק יאָר אַלט, דאָך האָט ער גענומען א גרויסן אינטערעס אין דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר, אַלע טאָג האָט פע־ ליקס באַזוכט געטהעס היים און ער האָט אים געבעטן צו שפּילן די שיינע מוזיק וועלכע ער האָט פאַרפאַסט.

ווען פעליקס איז געוואָרן 17 יאָר אַלט, האָט ער אָנגעשריבן "מיד סאָמער נייטס דרים". מיט דער מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע. דריי יאָר האָט ער זיך געלערנט אין דעם בערלינער אוניווערזיטעט. א חוץ זיינע שול־אַרבעטן און זיינע קאָמ־ פּאָזיציעס האָט ער זיך אויך געלערנט טאַנצן און שווימען.

ווען זיין לערנען האָט זיך געענדיקט, אין יאָר 1829, האָט זיין פאָטער אים געשיקט אויף א רייזע איבער אייראָפּע. זיין ערשטער באַזוך איז געווען אין לאָנדאָן. די ענגלענדער האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע באַגייסטערונג פאַר אים. פון ענגלאַנד איז ער געפאָרן נאָך סקאָטלאַנד. דאָרטן האָט ער אָנגעשריבן איינע פון זיינע בעסטע קאָמ־ פּאָזיציעס. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין איטאַליע און שווייצאַריע. זייענדיק אין איטאַליע האָט ער אָנגעשריבן די "איטאַליען סימפאָניע". צום סוף פון זיין רייזע, האָט ער זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, און ער איז געוואָרן דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר אין דער שטאָט דיזל־ דאָרף. אין 1835 פאַרן ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען טרויעריק. זיין פאָטער וועלכער איז געווען זיין בעסטער פריינט איז זיין לעבן, איז געשטאָרבן.

מענדלסאָן האָט געשריבן צום זיינעם א פריינט:

"איצטער איז גאָרניט געבליבן פאַר מיר, בלויז מיין אַרבעט".

און ער האָט טאַקע באַלד אָנגעשריבן דאָס "פרילינג ליד" און דאָס ליד אָן ווערטער. ווייל ער האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין די שיינע מוזיק. אין 1837 האָט מענדלסאָן חתונה געהאַט פאַר סעציליע הענרינד א שיין מיידל, 10 יאָר אינגער פון אים. ווייל זיין הייראַט איז געווען א גליקליכע האָט עס אים געמאַכט פאַרגעסן אין זיין פאָ־ טערס טויט. זיין גליקליכע הייראַט איז געווען די בעסטע יאָרן אין זיין לעבן.

אין 1841 האָט מענדלסאָן אָנגענומען א שטעלע אין מוזיק אַפּ־

טײלונג אין דער בערלינער קונסט־אקאדעמיע. ער און זײַן פֿאַמיליע האָבן זיך באַזעצט אין בערלין. אין די יאָרן 1847־1844 האָט ער גע־שפּילט אין דעם בוקינגהיימער מוזיק פֿעסטיוואַל. ער האָט אויך גע־שפּילט פֿאַר קווין וויקטאָריע און פּרינץ אַלבערט אין באַקינגהעם פּאַ־לאַץ. די ענגלענדער האָבן אים זייער הויך געשעצט, קיין קאָמפּאָזיטאָר איז ניט געווען אַזוי באַליבט ווי ער. אַזוי ביז היינטיקן טאָג.

